STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03933

SHUL UN HEYM

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שול און הײם

לײענבוך

פאַרן צװײטן קלאַס

װאַרשע 1950

מלוכה-פאַרלאַג פאַר שול-אויסגאַבן

Druk. „Nowe Życie", Warszawa, Tłomackie 5.
Format A5 .Pap. druk. sat.
Nakład 2.000 + 200. Zam. 257. 24. III. 1950 r.

B—1—108744

ווידער אין שול

1. קינדער קומט אין שול אַריין!

אונדזער שול איז ברייט און שיין,
ברייט צעעפנט אַלע טירן —
קומט צו גיין,
ברענגט צו פירן!
ברייט צעעפנט זיינען טירן,
רופן, לאַדן איין:
„קומט אין צווייען, קומט אין פירן,
קומט אין שול אַריין!"
קינדער, קינדער, גרייט זיך גיכער,
ס'וואַרט די שול, עס וואַרטן ביכער.
ווענט שוין אויסגעפאַרבטע וואַרטן,
שויבן גלאַנצן, פול מיט שיין —
קינדער, קומט אין שול אַריין!

2. אינדערפרי.

— מאַמע, עס איז שוין שפעט? — כאַפּט זיך אויף ריוועלע אַ דערשראָקענע.

— קאָנסט נאָך שלאָפן אַ ביסל, ריוועלע, עס איז נאָך פרי.

— ניין, מאַמע, איך וועל זיך שוין אָנטאָן. היינט איז דאָך דער ערשטער טאָג פון לערנען. איך וויל שוין זיין וואָס גיכער אין שול.

ריוועלע וואַשט זיך גוט אָפּ. זי פאַרקעמט שיין די האָר און פאַרבינדט זיי מיט אַ רויטן שלייף. זי טוט אָן דאָס ווייסע קליידעלע און די נייע געלע שיך.

ריוועלע עסט אָפּ אויף גיך פרישטיק. די טעקע האָט זי נאָך נעכטן צוגעגרייט.

— איך גיי שוין, מאַמע. אַ גוטן טאָג!

— אַ גוטן אָנהייב, ריוועלע!

3. אַלע גייען אין שול.

אינדרויסן איז ליכטיק און וואַרעם.

ריוועלע האָט געמיינט, אַז זי וועט זיין די ערשטע. אָבער די גאַסן זיינען שוין פול מיט קינדער. אַזוי פיל שילער! עלטערע און נאָך קליינע, אַלע פרייליכע און אויסגעפוצטע, איילן זיך אין די שולן.

— ריוועלע, וואַרט אויס אויף מיר! — רופט עמעצער.

— אָ, גאָלדעלע! איך האָב דיך נישט דערקענט.

— יאָ, ס'איז זייער שיין! גרין, מיט ווייסע פינטעלעך.

— קום גיכער, ריוועלע, אין שול!

גאָלדעלע און ריוועלע זיינען חברטעס נאָך פון ערשטן קלאַס. פאַראַיאָרן פלעגן זיי אַלע טאָג גיין צוזאַמען אין שול אַריין.

4. אויפן שול־הויף.

אויפן שול־הויף איז שוין לעבעדיק. אַלע מאָל קומען נאָך צו קינדער. מע באַגעגנט זיך פריילעך.

מע פרעגט זיך אויס:

— בערל, ווו ביסטו געווען זומער?

— אויף דער קאָלאָניע.

— וויאַזוי איז דאָרט געווען?

— זייער פריילעך. כ'האָב נאָר אַ ביסל געבענקט אַהיים.

ריוועלע און גאָלדעלע שפּאַצירן אַרום דעם גאַנצן שול־הויף. אומעטום איז ריין, מיט זאַמד אויסגעשיט. די בלומען אויף די קלומבעס זיינען זיך צעוואַקסן. אויף די קאַשטאַנביימער זעט מען שוין גרויסע שטעכיקע קאַשטאַנעס.

— ריוועלע, מיר וועלן ווייטער מאַכן שיפּעלעך פון קאַשטאַנעס?

— יאָ, גאָלדעלע. און איך האָב פאַראַיאָרן געמאַכט פון אַ גרויסן קאַשטאַן אַ שטיבעלע.

5. קינדערלעך.

העלע פרימאָרגנס\
אין גאָלדענער שיין,\
קינדערלעך קליינע,\
געזונט זאָלט איר זיין!

בלוי איז דער הימל,\
ווי בלימלעך פון ליין!\
קינדערלעך טאַנצן\
ראָד־אויס און ראָד־איין.

אָוונטן שטילע
אין רויטלעכער שיין,
פייגעלעך מידע,
שלאָפן זיי איין.

6. אַ נייע חברטע.

— ריוועלע, זע נאָר, ווער זיצט עס דאָרט?

אויף דער באַנק אונטערן קאַשטאַנבוים זיצן צוויי אומבאַקאַנטע קינדער: אַ מיידעלע און אַ ייִנגל אַ ביסל עלטער. זיי קוקן זיך אַרום נייגעריק און אַ ביסל צעשראָקן.

ריוועלע גייט צו די ערשטע און פרעגט:

— איר זייט נייע? פונוואַנען זייט איר?

דאָס ייִנגל גייט צו דרייסט און ענטפערט:

— מיר האָבן פריער געוווינט אין לאָדזש. מיין טאַטע איז אַריבערגעפאָרן אַהער אַרבעטן. מיר ווילן זיך

לערנען אין דער יידישער שול. איך גיי שוין אין פערטן קלאַס. און דאָס איז מיין שוועסטערל, זי גייט ערשט אין צווייטן.

— אין צווייטן? מיר גייען אויך אין צווייטן קלאַס. גאָלדעלע, קום אַהער, מיר האָבן שוין אַ נייע חברטע!

— אוי, ווי גוט! — זאָגט גאָלדעלע, — זי קען טאַקע זיצן מיט אונדז אויף איין באַנק.

— איך היים ריוועלע, און דו?

— מירעלע, — ענטפערט דאָס מיידעלע.

— מירעלע! אַט אַזוי, סאַראַ שיינער נאָמען. קום, מירעלע, ווען מיר דיך באַקענען מיט אַלע קינדער פון אונדזער קלאַס.

ריוועלע, מירעלע און גאָלדעלע האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַר די הענט און אַוועקגעלאָפן.

7. דער אָנהייב פון שוליאָר.

דזין-דזין-דזין! — דאָס שול-גלעקל צעקלינגט זיך פריילעך צום ערשטן מאָל. פון אַלע זייטן לויפן אָן די קינדער. אויף די טרעפּ איז אַ טומל. אַלע שטופּן זיך. יעדער וויל זיין דער ערשטער אין קלאַס.

עס קומט אָן די לערערקע.

— קינדער, גייט אַלע אַריין אין זאַל אַריין!

מירעלע פרעגט:

— ווו איז דאָס דער זאַל?

ריוועלע און גאָלדעלע ענטפערן איר:

— קום, מיר וועלן דיך שוין פירן. אָ, אונדזער זאַל איז זייער אַ גרויסער און אַ שיינער. פאַראַיאָרן האָבן מיר

זיך דאָרט געשפּילט. אַ פּיאַנע שטייט דאָרט, מיר פּלעגן אין זאַל זינגען און טאַנצן.

אין זאַל זיינען שוין געווען אַ סך קינדער. אַלע זיינען געזעסן שטיל, זיך אַרומגעקוקט. דער זאַל איז געווען פריש געמאָלט, אויף די ווענט זיינען געהאַנגען בילדער און פּאָרטרעטן. אויף איין וואַנט איז עפּעס געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע פּאַפּירענע אותיות.

— גאָלדעלע, לאָמיר נאָר פּרווון איבערלייענען.

די קינדער האָבן צוזאַמען אויפן קול געלייענט:

זאָל לעבן אונדזער שול!

באַלד זיינען אַריינגעקומען אַלע לערער. די קינדער האָבן זיך אויפגעשטעלט און געזונגען דעם מלוכה־הימן.

דער פאַרוואַלטער פון שול האָט גערעדט, אַז אַלע קינדער זאָלן זיך גוט לערנען אין נייעם שוליאָר.

דערנאָך האָט מען נאָך געזונגען און געטאַנצט אַ קאַראַהאָד. ריוועלע האָט אויך דעקלאַמירט אַ ליד.

שפּעטער זיינען די קינדער אַוועק צו זיך אין די קלאַסן.

שפּעטזומער

8. סעפּטעמבער.

אין גאָלד־רויטע בלעטער
סעפּטעמבער מאַרשירט,
וועגענער פולע
מיט אויפּסן ער פירט.
און ברוינע קאַשטאַנעס
אינגאַנצן אומזיסט
קייקלען זיך יעדערן
אונטער די פיס.

9. קירבעסל און קאַווגדל.

איינמאָל זומער איז אין גאָרטן געלעגן קליין קירבעסל נעבן גרויסן קירבעס. דערציילט גרויסער קירבעס קליין קירבעסלען:

— פון יענער זייט צום ליגט דאָס דאָרף, פון יענער זייט דאָרף — דער וואַלד, פון יענער זייט וואַלד איז די שטאָט. אין שטאָט איז די ערד אַ האַרטע, מיט שטיינער אויסגעפלאַסטערט. דאָרט דאַרף מען זיך היטן נישט אַראָפּצופאַלן, אנישט קען מען זיך דאָס בעקעלע צעקלאַפּן!

הערט זיך קליין קירבעסל איין און זאָגט:

— איך וועל מיר טאַקע פֿאָרן אין שטאָט אַריין.
קומט צו גיין דער גערטנער. בעט זיך קליין קירבעסל:

— פֿיר מיך, גערטנער, אין שטאָט אַריין!
טוט דער גערטנער אַ גלעט קירבעסלען פֿאַרן בעקעלע און זאָגט:

— גוט, קירבעסל, מיר וועלן פֿאָרן אין שטאָט, נאָר נישט היינט. היינט וועלן פֿאָרן די אוגערקעס, — שפּעטער אַ ביסל די פּאַפּשויעס, די זונרויזן און נאָכדעם וועסטו שוין אויך פֿאָרן מיט קאַוונדלען.
זעט קירבעסל — די אוגערקעס זיינען שוין אַוועקגעפֿאָרן אין שטאָט, די פּאַפּשויען קלייבן זיך פֿאָרן.



— אָט וועלן די זונרויזן אַוועקפֿאָרן — פֿרייט זיך קירבעסל — וועל איך שוין פֿאָרן.
דערווייל האָבן זיך שוין אָנגעהויבן לאַנגע נעכט און קאַלטע. שפּעט איז געקומען די זון וועקן קירבעסלען און זיך שפּילן מיט אים.

איינמאָל אינדערפרי כאַפּט זיך קירבעסל אויף. ערשט דער גערטנער שטייט.

— אין שטאָט אַריין ? — האָט זיך קירבעסל דערפרייט.

— אין שטאָט אַריין ! — זאָגט דער גערטנער — קאָונדל זיצט שוין אויפן וואָגן און וואַרט אויף דיר.

זיצט טאַקע קאָונדל אויבנאָן, נעבן אים האָט מען קירבעסלען אַוועקגעזעצט. ביידע רויטע טיכלעך אָנגעטאָן און מע פאָרט.

— וואָס פאַר אַ יאָדערלעך זיינען ביי דיר ? — פרעגט קאָונדל.

— ווייסינקע — ענטפערט קירבעסל שטילערהייט.

— און ביי מיר, — זאָגט קאָונדל — זיינען זיי שוואַרצינקע.

פאָרט מען זיך אַזוי און מע פאָרט. יעדער דורכגייער באַגריסט זיי און קלערט ביי זיך :

— אָט וואָס פאַר אַ שיינע ליאַלקעלעך עס פאָרן !

10. אין גאָרטן.

אין גאָרטן איז היינט לעבעדיק. יעדעס קינד טוט עפּעס. יאַנקל גראָבט קאַרטאָפל, משה שיט די קאַרטאָפל אין קיישל. הערשל טראָגט די קאַרטאָפל אין וואָגן.

אויפן וואָגן זיצט דער קליינער בערקע. ער שרייט צום פערדל : וויאָ ! וויאָ ! דאָס פערדל שפּאַנט פּאַמעלעך פון איין בייט צו דער אַנדערער.

דער קליינער שלמהקע רייניקט די מערן. פון צייט צו צייט פאַרזוכט ער אַ מערל. מירל טוט אויך צוויי אַרבעטן: אי זי רייניקט די מערן, אי זי זינגט. פיניע

האַקט אַרום דאָס קרויט, און לייזער וואַרפט די קאַטשענעס צו דער קופּע.

11. גרינוואַרג.

געקומען די מאַמע מיט גוטס און מיט האָב:
קאַרטאָפל און אַרבעס און מערן און קראָפּ,
סעלערע און פּעטרישקע, קרוטשקע און באָב.
איי, איי, איי!
איז אַוועק אַ קריגערײַ,
איז אַוועק אַ רייסערײַ,
ווער עס איז גרעסער, און ווער עס איז קלענער,
ווער עס איז בעסער, און ווער עס איז שענער:
קאַרטאָפל, צי אַרבעס? צי מערן? צי קראָפּ?
סעלערע, צי פּעטרישקע, קרוטשקע, צי באָב?

אך! סאַראַ טומל זיי האָבן געמאַכט!
האָט גענומען די מאַמע דאָס מעסער און — ציאַך,
צעבראָקט און צעשניטן אַלע צוזאַמען:
קאַרטאָפל און אַרבעס, מערן און קראָפּ,
סעלערע און פּעטרישקע, קרוטשקע און באָב,
און — אין טאָפּ!

12. ביים זיידן אין סאָד.

היינט נעמט מען אַראָפּ דאָס אויפּס פון די ביימער ביים זיידן אין סאָד. אַרעלע און ריוועלע איילן זיך פון שול. ווי נאָר זיי טרעטן איבער די שוועל, בעטן זיי:

— מאַמע, גיב אונדז גיכער עסן, מיר גייען דאָך צום זיידן.

זיי עסן גיך אָפּ און פֿאָרן מיטן טראַמוויי אונטערן שטאָט.

ביים זיידן אין סאָד האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אַלע אייניקלעך: שרהלע מיט עליען, רוטקע מיט איציקן. אַלע העלפֿן. איינער שלעפּט אַ לאַנגן שטעקן אַראָפּצונעמען דאָס אויפּס. אַן אַנדערער טראָגט דעם לייטער. איציק און רוטקע שלעפּן אַ קויש עפּל. דער זיידע לייגט אײַן די באַרנעס.

— זיידע, זיידע, מיר ווילן אויך עפּעס טאָן! — בעטן זיך אַרעלע און ריוועלע.

— זאָרגט זיך נישט, קינדער, — זאָגט דער זיידע — פֿאַר אײַך וועט נאָך אויך בלײַבן אַ סך אַרבעט. דו, אַרעלע, ביסט דאָך אַ פֿלינקער, קריך אַרויף אויף דעם עפּלבוים, דאָרט זײַנען נאָך געבליבן אַ ביסל עפּל. מיט די הענט וועט מען זיי שוין נישט דערלאַנגען.

נאָך איידער דער זיידע האָט געענדיקט, איז שוין אַרעלע געווען אויפֿן שפּיץ בוים און געטרייסלט די עפּל. ריוועלע האָט זיי צונויפֿגעקליבן אין אַ באַזונדערן קויש.

דער זיידע איז צופֿרידן — אַלע אייניקלעך העלפֿן צו.

13. אין די סעדער.

עפּל, פּעפּינקעס און פֿלוימען
און די שווערע באַרן־בער.
בעטןביימער: ליבע קינדער,
נעמט אַראָפּ אַ קאָפּ, ס'איז שווער!

לאָזט זיך חברה לאַנג נישט בעטן,
לאַנג נישט בעטן — צוליב וואָס?
טרייסלעןביימער, — בייגן צווייגן,
פאַלן פרוכטן אויפן גראָז.

עסט מען אָן זיך זיס און זאַפטיק,
זאַפט און זיסקייט — האָניק־וויין:
ווען אין מויל קאָן שוין נישט קריכן,
קריכט אין קעשענע אַריין.

פולע קעשענעס געפּאַקטע,
קוים צו רירן זיך מיט זיי,
און עס גלוסטן נאָך די אויגן,
נאָר די בייכלעך טוען וויי.

מוז מען אָפּרוען אַ ביסל,
און אַ לייג זיך אויפן גראָז —
קוקט אַראָפּ אַ באַק פון עפּל
און פון פלוים אַ בלויע נאָז.

און אַ בינטל שפּאַניער ווײַנשל
אויף דעם לעצטן צווייג אָט דאָרט!
אַך, זיי לאָזן דאָך נישט רוען —
און אַ כאַפּ זיך אויף פון אָרט.

קריכן, וואַרפן, רייסן, טרייסלען
פלאַטער־פליטער, בלעטער־בלאַט!
און געפּאַקט שוין און באַקומען
און אַ לייג זיך ווידער מאַט.

און אַריינגעשטעקט די ציינדלעך,
און געהאַלטן לאַנג אַזוי,
עפּל, באַרן, ווײַנשל, פלוימען:
אַך, ווי גוט איר זייט, אוי, אוי!

14. מע פֿרעגלט פּאָווידלע.

דער טאַטע איז געקומען פֿון דער אַרבעט. ער האָט אויסגעטאָן אין קאָרידאָר דעם מאַנטל און דאָס היטל. מ׳ענדעלע איז אים אַנטקעגנגעלאָפֿן מיט אַ פֿרייד.

— טאַטע, די מאַמע פֿרעגלט פּאָווידלע.

— און דו וואָס טוסטו? — פֿרעגט דער טאַטע מ׳ענדעלען.

— איך אַרבעט אויך, — איך קלייב איבער די פֿלוימען. קום, וועסטו זען! — ענטפֿערט ער אַ צופֿרידענער.

— גוט. מיר וועלן אַלע גיין אין קיך אַריין העלפֿן דער מאַמען — זאָגט דער טאַטע.

15. געזעגנט זיך.

דער זומער איז נישטאָ, ערגעץ זיך אַוועקגעגאַנגען. געקומען דער האַרבסט, איז געוואָרן קאַלט. זיינען אַלע קינדער פֿון דער קאָלאָניע זייער טרויעריק.

איינמאָל מיטוואָך רופֿן זיך אָן די לערער צו די קינדער: איר ווייסט, מאָרגן וועלן קומען צו פֿאָרן אַ סך אויטאָמאָבילן און וועלן אונדז אַלע אהיימנעמען, אין שטאָט אַריין. באַלד זיינען די קינדער געלאָפֿן צום וועלדל, זיך אָפּגעשטעלט דאָרט און געזאָגט:

— וועלדל, וועלדל, זיי געזונט! מיר פֿאָרן מאָרגן אין שטאָט אַריין.

האָבן די ביימער זיך געשאָקלט. זיי זיינען געוואָרן זייער טרויעריק, און געזאָגט:

— פֿאָרט איך, קינדער, און זייט געזונט!

זיינען די קינדער געלאָפֿן צום טייכל, זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— טייכל, שיפֿלעך, זייט געזונט, מיר פֿאָרן מאָרגן אין שטאָט אַריין.

זיינען די וואַסערן אין טייכל געשפּרונגען, די שיפֿלעך האָבן זיך געהוידעט: זיי זיינען אויך געווען טרויעריק און האָבן געזאָגט:

— פֿאָרט איך, קינדער, און זייט אונדז געזונט!

דערנאָך זיינען אַלע קינדער אַרויפֿגעלאָפֿן אויפֿן באַרג, האָבן זיי דערזען די פֿעלדער אַרום און אַרום האָבן זיי געזאָגט:

— פֿעלדער, פֿעלדער, זייט געזונט, מיר פֿאָרן מאָרגן אין שטאָט אַריין!

זיינען די פֿעלדער געלעגן זייער טרויעריק, און זיי האָבן געזאָגט:

— פֿאָרט איך, קינדער, און זייט אונדז געזונט!

16. האַרבסט.

עס טוט זיך אָפּ
דער גלאַנץ פֿון וועלדער.
עס שרייט אַ ראָב
אויף פּוסטע פֿעלדער.

אַלץ גרוי און געל.
אָ, זומער ליבער,
ווי שנעל, ווי שנעל
דו ביסט אַריבער!

לערנען און שפּיל

17. אַלעף־בּיס.

אלעף, בּיס, גימל, —
אויף מײַן קינד אַ זיסער דרימל:
דאַלעד, היי, וואָוו —
אויף מײַן קינד אַ זיסער שלאָף;
זאַיִן, חעס, טעס —
טאָג און נאַכט איז אַ מעת־לעת;
יוד, כּאָף, כאָף —
קומט די נאַכט, קומט אָן דער שלאָף;
לאַמעד, מעם, נון —
קומט דער טאָג, גייט אויף די זון;
סאַמעך, ע, פּיי,
טוט דאָס הענדעלע אַ קריי;
פֿיי, צאַדיק, קוף —
צו דער אַרבעט טוט אַ רוף;
רייש, שין, תּאָף —
שלאָף, מײַן קינד, שלאָף!

18. וויאַזוי שרייבט מען ריין.

מיט אַ בּלײַער שרײַבּט מען בּעסער ווי מיט אַ פּען!
— אַזוי קלערט ריוועלע טרויעריק. פּאַראַיאָרן האָט זי
געשריבּן זייער שיין. איצט איז דער גאַנצער העפט פול

מיט פלעקן. די אותיות זיינען אַלע קרום און צעשמירט.

היינט היט זיך שוין ריוועלע. זי באַמיט זיך שרייבן ריין. די לערערקע האָט פאַרגעבן שרייבן זייער אַ שיין לידעלע.

דאָס גאַנצע זייטל איז שוין באַלד פאַרטיק, שיין. נאָך איין שורה. פּלוצעם גיט זיך די פען אַ גליטש — אַ גרויסער פלעק האָט זיך צעלייגט, ווי אַ שוואַרצע קאַץ. ריוועלע האָט גיך געכאַפּט דאָס לעשפּאַפּיר, אָבער ס'איז געוואָרן נאָך ערגער. ריוועלע האָט זיך אַזש צעוויינט. זי האָט שוין געוואָלט אַ וואַרף טאָן די שלעכטע פען.

דאָ דאַכט זיך איר, ווי די פען שרייט צו איר:

— וואָס בין איך שולדיק? דו נעמסט אָן אַזוי פיל טינט, אַז איך ווער שיר דערטרונקען אין טינטער. דו קוועטשסט אַזוי שטאַרק דאָס הענטל. עס טוט מיר ווי, ווייז איך. מיינע טרערן זיינען טאַקע שוואַרץ.

ריוועלע האָט שוין פאַרשטאַנען, וויאַזוי מען דאַרף שרייבן שיין.

19. שעפּטעלע.

שעפּטעלע, מיין שעפּטעלע,
קוק נאָר אָן דיין העפּטעלע:
גיב אַ קוק נאָר, ווי ס'זעט אויס,
ווי צעביסן פון אַ מויז.

די ברעגעס שטאַרק אַרומגעריסן
און בלעטלעך פיל אַרויסגעריסן,
מיט פעטס די זייטלעך גראָב באַדעקט,
מיט טינט די שורות שטאַרק פאַרפלעקט.

לאָזט עס איבער אויפֿן טישל,
קומט צו גיין דער קליינער פֿישל,
טינקט אין טינט אַ שטעקעלע
צייכנט אָן אַ העקעלע.

קומט די קליינע עטעלע,
רייסט זי אויס אַ בלעטעלע,
קומט די קליינע טייבעלע,
מאַכט פֿון דעם אַ טרייבעלע.

שעפּטעלע, מיין שעפּטעלע,
שמוציק איז דיין העפֿטעלע !
זאָג, ווי קאָנסטו עס פֿאַרטראָגן ?
וואָס־זשע וועט דער לערער זאָגן ?

20. דיזשורן.

די לערערין איז נישט צופֿרידן :
— ווידער ליגן שוין פּאַפּירלעך אונטער די בענק !
— ס׳איז בערל, ער וואַרפֿט שטענדיק אָן.
— ס׳איז אַ ליגן, איך האָב נישט געוואָרפֿן ! ס׳איז גאָר מאַשע, — פֿאַרענטפֿערט זיך בערל.
— און פֿאַרוואָס איז דער טאָוול נישט אָפּגעווישט ?
— פֿרעגט ווייטער די לערערין — און קרייד ווו איז ?...
ריוועלע שטעלט זיך אויף און זאָגט :
— לערערין, מע דאַרף אויסשטעלן אַלע טאָג דיזשורן, אַזוי ווי אין דריטן קלאַס.

— יאָ, יאָ, דיזשורן, — שרייען אַלע קינדער — וועט זיין אין קלאַס אָרדענונג.

דער הויכער משה, וואָס האָט תמיד ליב צו שטעלן פראַגעס, הייבט שוין די האַנט:

— און ווער וועט זיין דיזשור איבער די דיזשורן?

אַלע לאַכן.

רופט זיך אָן די לערערין:

— משה איז גראָד גערעכט. קלייבט טאַקע אויס איין קינד פאַר אַן עלטסטן. אָבער אַלע זאָלן אים פאָלגן אַזוי ווי מיך.

— גאָלדע, גאָלדע! — רופט מען אויס אין קלאַס.

— גאָלדען וועט מען פּאָלגן, — זאָגט ריוועלע —
זי וועט זיין אַ גוטע באַלעבאָסטע אין קלאַס.
אַזוי האָט מען זי שוין טאַקע גערופן:
גאָלדע די באַלעבאָסטע.

21. מיר באַצירן דעם קלאַס.

די קינדער שטייען לעבן דער מעלדונג, וואָס גאָלדע, די באַלעבאָסטע פון קלאַס, האָט אויפגעהאָנגען.
רופט זיך אָן פּערעלע:

— זע נאָר, וואָס זי האָט אָנגעשריבן: „באַגיסן די בלומען". ס'איז דאָך קיין בלומען גאָר נישטאָ.

— טאַקע, טאַקע! — לאַכן די קינדער — ליידיקע פּענצטער.

— וואָס־זשע איז דער געלעכטער? — זאָגט גאָלדע, וואָס איז פּונקט אָנגעקומען. — בלומען קאָן מען ברענגען. איך האָב שוין געבראַכט איין וואַזאָן.

ערשט איצט האָבן די קינדער דערזען לעבן גאָלדען אַ גרויסן צעבליטן וואַזאָן.

— איך וועל אויך ברענגען מאָרגן אַ וואַזאָן, — זאָגט יאָסל — די מאַמע וועט מיר געווים געבן. ביי אונדז איז דאָך דאָ אַ סך אין שטוב.

— איך אויך! — זאָגט ריוועלע.

— און איך וועל ברענגען צוויי, די שענסטע וואַזאָנעס — דאָס באַרימט זיך בערל, ווי שטענדיק.

— אַלע וועלן ברענגען! שרייען די קינדער.

— אַזוי פיל וואַזאָנעס דאַרף מען נישט, — דערהערט זיך דאָס קול פון דער לערערין.

די קינדער האָבן אין טומל גאָר נישט באַמערקט, אַז די לערערין איז אַריינגעקומען אין קלאַס. — צו איין וואַזאָן אויף יעדן פענצטער וועט זיין שיין. וואָס קלערט איר אָבער קינדער צו טאָן מיט די ווענט? זיי זייגען דאָך ליידיק אינגאַנצן.

די קינדער פאַרטראַכטן זיך.



דער ערשטער שטעלט זיך אויף יאָסל און זאָגט:

— אַנטקעגן דאַרף מען אויפהענגען אַן אָדלער.

— ריכטיק — זאָגט די לערערין — אַ ווייסער אָדלער איז דער הערב פון פוילן.

— מע דאַרף אויך אויפהענגען דעם פּאָרטרעט פון פּרעזידענט ביערוט, — גיט צו גאָלדע.

— לערערין, — פרעגט ריוועלע — ביי אונדז אין שטוב איז דאָ אַ שיין בילד פון אַ וואַלד. מע קען עס אויפהענגען אין קלאַס?

— פאַרוואָס נישט? אַבי דער טאַטע דיינער וועט דיך דערלויבן עס צו נעמען.

— און איך וועל ברענגען אַ פּאָרטרעט פון פּרצן, — זאָגט יאַנקעלע.

— ווער איז דאָס פּרץ ? — פרעגן עטלעכע קינדער מיטאַמאָל.

—פּרץ איז אַ שרייבער, — ענטפערט מיט שטאָלץ יאַנקעלע — מיין טאַטע האָט מיר אַליין דערציילט.

—יאָ, קינדער, — זאָגט די לערערין — פּרץ איז געווען אַ באַרימטער יידישער שרייבער. ער האָט פאַר קינדער אויך געשריבן. ווער געדענקט נאָך:

יאַנקעלע וויל אַ יעגער זיין...

— יאַנקעלע וויל אין וואַלד אַריין... — כאַפּן אונטער די קינדער —

שיסן וויל ער גאָר אַ בער,
אָבער ווו נעמט מען געווער...

— יאָ, דאָס האָט אָנגעשריבן פּרץ, און נאָך אַ סך שיינע לידעלעך און דערציילונגען פון פּרצן וועט איר נאָך לייענען.

22. אונדזערע טעג.

זיבן, זיבן זיינען מיר,
זיבן גוטע ברידער.
זיבן, זיבן גייען מיר
און מיר קומען ווידער.

ווייסע פערד, שוואַרצע פערד,
צווייערליי קאַרעטן,
קיינמאָל וועט מען נישט אויף דער ערד
אונדזער שפּור פאַרטרעטן.

23. צווישן דעם שרייבגעצייג.

די קינדער זיינען שוין געשלאָפן אין זייערע בעטעלעך. אויפן טיש, וואָס שטייט אין קינדער־צימער, האָבן זיך געפונען דער פענאַל מיט פען און בלייפעדער און אַנדערע שרייבגעצייג.



האָט זיך דער פענאַל אָנגערופן צו דער פען:

— אוי, ווי טרויעריק בין איך היינט ביינאַכט! איך בעט דיך: דערצייל מיר אַ שיינע מעשה, אָדער זינג מיר אַ ליד.

— איך בין דורשטיק, — האָט געזאָגט די פען — איך קען נישט דערציילן און זינגען: דער האַלדז איז מיר טרוקן.

— קום, וועל איך דיך אָנטרינקען — האָט זיך אָנגערופן דער טינטער.

דער העפט האָט געפּליסטערט פאַרן טאָוול:

— די דאָזיקע פען איז אַ גרויסע טרינקערין; אָפּטמאָל טרינקט זי אַ סך און פירט זיך אויף ווי אַ שכור.

— האָט נישט קיין מורא, — האָט זיך אָנגערופן די שוואָם — אויב זי וועט זיך נישט אויפפירן לייטיש, וועל איך קומען און ברענגען אַלץ אין אָרדענונג...

— און איך וועל זי פירן אויפן גלייכן וועג, — האָט זיך אָנגערופן די ווירע.

— וואָס טויג איך די גאַנצע אַרבעט? — האָט זיך אָנגערופן דער בלייפעדער — איך בין נישט קיין פען און קען אויך זינגען און דערציילן מעשיות.

— אמת, אמת, — האָט צוגעגעבן דער טאָוול — אויב אַזוי, זינגט ביידע איינינעם, און מיר וועלן הערן.

האָבן דאָס גאַנצע מעבל און שרייבגעצייג אָנגעשטעלט מויל און אויערן צו הערן. אָבער די טעקע האָט אָנגעשריגן אויף זיי:

— איך וויל שלאָפן, און איר שטערט מיר! אָט וועל איך אייך באַלד אַריינזעצן צו מיר אין געפענגעניש אויף אַ גאַנצער נאַכט, וועט זיך אייך שוין נישט גלוסטן קיין לידער און קיין מעשיות.

האָבן זיך אַלע דערשראָקן פאַר דער בייזער טעקע און אַנטשוויגן געוואָרן. דער פענאַל האָט אַריינגעשעפּטשעט דער פען אין אויער אַריין:

— אוי, ווען דו זאָלסט וויסן, ווי איך האָב מורא פאַר דער דאָזיקער טעקע. אָט ווי דו קוקסט אים אָן, איז ער אַ גבור — אָט דער גראָבער לעדערנער זאַק מיט די בלעכלעך און רימענדלעך! ציטנווייז כאַפּט ער זיך אַרויף צו די יינגלעך אויף די אַקסלען און פאַרט אויף זיי רייטנדיק.

24. עסטע די פּעסטע.

עסטע די פּעסטע
האָט אַזאַ מין טבע :
פֿירט מען זי נאָר אָן —
וויינט זי און רעוועט,
לויפֿט זי צו דער לערערקע,
הייבט זיך אָן צו קלאָגן :
— ער האָט מיך געטשעפּעט,
זי האָט מיך געשלאָגן.
ער האָט מיך אַ שטופּ געטאָן,
זי האָט מיך אַ צופּ געטאָן.
ער האָט מיך אַ ביס געטאָן,
זי האָט מיך אַ ריס געטאָן.
— „ראָטמעך", „זיאָטמעך" —
סע זשוזשעט אַזש אין קאָפּ !
עסטע די פּעסטע,
טשעפּע זיך אָפּ !

25. דאָס ביכעלע.

אין שטוב אויפֿן טיש איז געלעגן אַ ביכל. איז אָבער אין שטוב קיינער נישט געווען און דאָס ביכל נישט געהערט און נישט געזען.

וואָס־זשע וועט עס אַזוי ליגן ?

האָט עס געגעבן אַ מאַך — האָפּ ! און פֿון טיש אַ שפּרונג אַראָפּ. און צום פֿענצטער געגעבן אַ לויף, און אַרויסגעקוקט אויפֿן הויף.

אויפֿן הויף האָט דאָס ביכל דערזען אַ סך קינדער און אַלע זיינען געווען פֿאַרטאָן אין אַ שפּיל.

איז דאָך דאָס ביכל גרינג, האָט עס געטאָן אַ שפּרונג: איינס, צוויי, איז דאָס ביכל שוין געווען אויפן הויף און זיך אַריינגעשטעלט צווישן אַלע קינדער.

האָבן די קינדער אָפּגעשטעלט די שפּיל און זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם נייעם גאַסט — דעם ביכל.

האָבן די קינדער געפרעגט ביי דעם ביכל:

— וויאַזוי הייסטו?

— וויאַזוי איך הייס? „יידיש" איז מיין נאָמען! — האָט דאָס ביכל געענטפערט.

האָבן זיך די קינדער איבערגעקוקט איינס מיטן אַנדערן. און ווייל זיי זיינען אַלע געווען קליינע קינדער, האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס ביכל מיינט, ווייל זיי האָבן קיינס נאָך נישט געקענט גוט לייענען קיין יידיש. נאָר צווישן די קינדער איז געווען איין יינגל, אַן עלטערס, וואָס האָט שוין יאָ געקענט גוט לייענען יידיש.

האָט דאָס יינגל אַ טאַנץ געטאָן: — אַך, אַ יידיש ביכל!

און דאָס יינגל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן גראָז, און אַרום אים אין אַ ראָד אַלע קינדער. דאָס יינגל האָט גענומען דאָס ביכל און האָט אָנגעהויבן צו לייענען.

די קינדער זיינען געזעסן מיט אָפענע מיילער און זיך איינגעהערט צו די שיינע לידלעך און מעשיות, וואָס זיינען אין דעם יידישן ביכל געווען אויפגעשריבן.

26. אַ קעסטעלע מיט פאַרבן.

האָב איך אַ קעסטעלע פאַרבן,
מאָל איך מיר אויס, וואָס איך וויל:
אַ פויער אין פעלד ביי די גאַרבן
און פורן מיט תבואה אין מיל;

אַ ברונעם, אַ שטאַנג מיט אַן עמער,
אַ יעגער, אַ בער און אַ האָז;
אַ טשערעדע וואָליקע לעמער,
די קעפּ אָנגעבויגן צום גראָז;

אַ ים מיט געזעגלטע שיפן,
און באַנען, וואָס פאָרן אַוועק;
און העקער אין וואַלדיקע טיפן
מיט בליציקע זעגן און העק;

אַ רייטער מיט גאָלדענע שפּאָרן
אויף זיין אָנגעזאָטלטן פערד;
אַן אוצר, וואָס ס'האָט ווער פאַרלאָרן,
און איך הייב אים אויף פון דער ערד.

קויף איך דאָס פערד פון דעם רייטער,
און זעץ זיך אַרויף און אַנטלויף
אַריבער די בערג און נאָך ווייטער,
ביז צו די וואָלקנס אַרויף.

27. ווער איז שולדיק?

גאַנץ פרי איז פּייוול אַוועק אין שול. ער גייט גיך, גיך, ער וויל נישט פאַרשפּעטיקן. ער גייט דורך אַ גרויסן פּלאַץ. זעט ער ווי עס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַ סך שפּערעלעך. צווישן די שפּערעלעך איז אָנגעגאַנגען אַ קריג פאַר די קערנער, וואָס זיינען געווען אויסגעשאָטן אינמיטן פּלאַץ.

פייוול האָט זיך צוגעקוקט ווי די פייגעלעך פירן אַ מלחמה. ער וואָלט אפשר לענגער געשטאַנען, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער מוז גיין אין שול. ער האָט זיך גענומען איילן.

— כ'וועל זיך שוין מער אינערגעץ נישט פאַרהאַלטן.

* * *

נישט ווייט פון מאַרק, אויף דער הויפּט־גאַס, האָט ער דערזען ווי אַ מענטש אין אַ בערישער פעל גייט איבער דער גאַס און טאַנצט ווי אַ בער. קינדער לויפן אים נאָך און פייוול לויפט מיט.

פייוול לויפט און די צייט לויפט.

* * *

ווען פייוול איז אַריין אין שול האָט ער שוין נישט געהערט קיין גלעקל. אַלע זיינען שוין געווען אין די קלאַסן. די לעקציעס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן. ס'איז שוין געווען צוואַנציק מינוט נאָך אַכט.

— שוין שפּעט.

עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער וואנטזייגער זאָגט צו אים:

— אַלעמאָל ביסטו דער לעצטער!

אַפילו דאָס בילד אויפן האָק האָט זיך א וויג געטאָן און געזאָגט:

— פאַרוואָס קומסטו אַזוי שפּעט? ווי קענסטו שטערן די לעקציעס?

דער אַלטער מיסט־קויש האָט אָנגעהויבן פון אים צו לאַכן:

— כאַ, כאַ, כאַ, ווי שעמסטו זיך נישט! שלימאַזל איינער!

דאָס ייִנגל איז רויט געוואָרן און געזאָגט צו זיך אַליין:
דאָס איז דאָס לעצטע מאָל! כ׳וועל שוין קיינמאָל נישט פֿאַרשפּעטיקן!

28. מיכל און זיין ביכל.

מיכל, מיכל, מיכל,
קוק נאָר אָן דיין ביכל:
די טאָוועלעך צעבראָכן,
די בלעטלעך אָפּגעקראָכן,
אָפּגעקראָכן און צעריסן,
ווי פֿון הינט צעביסן.
זע נאָר וויפֿל קלעקן
די ווערטער עס באַדעקן.
— מיכל, מיכל, מיכל!
אָט בין איך דיין ביכל!
הער אויס נאָר, וואָס מיר ריידן,
וועט בעסער זיין פֿאַר ביידן.
דו לייגסט מיך אויפֿן טיש,
ווען דיין מאַמע פּילט די פֿיש.
לייגסט מיך אויך אָפּט שלאָפֿן
אויפֿן פֿענצטער, וואָס איז אָפֿן.
גיסט אויף מיר אַ רעגן —
האָלט איך גאָרנישט פֿרעגן!
— מיכל, מיכל, מיכל!
וואָס מאַכסטו פֿון דיין ביכל?
האַלסט עס פֿאַר אַ האַנטעך,
צי פֿאַר אַ טאַשנטיכל?...

29. די צייטן פון יאָר.

יוני, יולי, אויגוסט—
דער זומער איז פאַרביי.
סעפּטעמבער, אָקטאָבער, נאָוועמבער —
נאָך האַרבסט פאַלט באַלד אַ שניי.
דעצעמבער, יאַנואַר, פעברואַר —
ווינטער — פראָסט און קעלט.
מערץ, אַפּריל, מאַי —
פרילינג גרינט אויף דער וועלט.

30. באַשעלע די מאָלערין.

אַז באַשעלע האָט פאַרענדיקט דעם קינדערגאָרטן, איז זי פון דאָרט אַריבער אין שול.

דער לערער האָט איר געגעבן אַ ביכל צו לייענען, הייסט עס „פאַר יידישע קינדער”.

אין ביכל זיינען דאָ אַ סך בילדער. זיי זיינען געצייכנט בלויז ביי די זייטן מיט ליניעס און אינדערמיט — ליידיק.

האָט באַשעלע געבעטן ביי דער מאַמען, און זי האָט איר געקויפט אַ קעסטעלע מיט פאַרבן.

אַלע טאָג נאָך די לעקציעס עפנט זי דאָס ביכל און נעמט אויספילן די בילדלעך מיט פאַרשידענע קאָלירן.

אָבער זי מאַכט עס זייער מאָדנע. עס קומען אַרויס ביי איר: שוואַרצע עפּל, רויטע קעץ, רויטע יינגלעך. און ביי דער באָבען איז איין באַק אַ רויטע און די צווייטע געל.

לעבן אַ יינגעלעס בעטעלע דאַרף שטיין אַ פלעשל מילך. אָבער באַשעלע מאַכט אַזוי, אַז עס שטייט נאָר אַ פלעשל מיט רויטן וויין.
און ביי איינער אַ זשאַבע רינט בלוט פון דער נאָז. ווער עס זעט די בילדלעך, דערשרעקט זיך.
אָבער באַשעלע לאַכט.

31. שמילקע מיט דער פילקע.

ביי חברים הייסט ער סאַליע,
ביי דער מאַמען: שמילקע.
רוישיק איז ער, ווי אַ כוואַליע,
שטענדיק מיט דער פילקע.
שיינט די זון נאָר דורך די שויבן,
לויפט אינדרויסן שמילקע.
פילקעס פליען אום פון אויבן,
פליט אויך שמילקעס פילקע.
סאַליע! סאַליע! שטערסט דאָס שפילן! —
שרייען די חברים.
נאָר אַז שמילקען ווילט זיך שפילן,
זיי אַ בריה, שטער אים.
איז אַ קינדערישער ליאַרעם
אין דעם זוניקן נאָכמיטאָג,
און די זון שיינט גאָלדיק, וואַרעם
צווישן ביימער צוויטיק.
צווישן גרין־געדיכטע צווייגן
פליען פילקעס אום און קנאַלן.
ביימער קוקן צו און שווייגן,
ווי די בלעטלעך פאַלן.

32. סאַניטאַרן.

די לעקציע גייט צום סוף. די קינדער וואַרטן שוין אויפן קלונג. דער קאָן אין באַל איז נישט פאַרענדיקט געוואָרן אויף דער ערשטער הפסקה, ווילט זיך שוין וואָס גיכער זיין אויפן שפּילפּלאַץ.

דאָ עפנט זיך די טיר און ס'ווייזן זיך צוויי מענטשן אין ווייסע כאַלאַטן. די קינדער שטעלן זיך אויף.

— גוט מאָרגן, קינדער, — באַגריסן זיך די געסט — לאָמיר נאָר אַ קוק טאָן אייערע קעפּלעך, הענטלעך...

די קינדער האָבן שוין פריער פאַרשטאַנען ווער די געסט זיינען: דער שול־דאָקטאָר און די סאַניטאַרין זיינען געקומען באַקוקן די ריינקייט. אין קלאַס ווערט אַזוי שטיל, ווי ס'וואָלט גאָר קיין קינדער נישט געווען. ביי אַ סך קינדער קלאַפּן גוט די הערצלעך.

ס'איז עפּעס גוט, אַז דער דאָקטאָר שאָקלט מיטן קאָפּ:

— איי—איי—איי! וואָס איז דאָס פאַר אַ נעגל?...

אָדער ער גיט אַ זאָג:

— זעט נאָר סאַראַ אויערן!

צום ערגסטן איז, אַז די סאַניטאַרין פאַרשרייבט עמעצן אין איר גראָבן שוואַרצן העפט.

היינטיקס מאָל איז עפּעס גאָר נישט גוט געווען אין קלאַס.

מילאַ, סימע און מאָטל — דאָס איז שוין אַן אַלטע מעשה. סימע איז שטענדיק אויסגעשמירט, די האָר צעפּאַטלט. ביי מאָטלען זיינען די שיך קיינמאָל נישט געפּוצט, און די נעגל האָט ער שטענדיק שמוציקע און גרויסע.

איצטיקס מאָל האָבן אויך שייקע און גיטעלע נישט

געהאַט קיין ריינע נעגל. אויף וועלוולס אויערן, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז מען קאָן דאָרט פּאַרזעצן קאַרטאָפל.

סימעס האָר האָט דער דאָקטאָר לאַנג באַטראַכט און דערנאָך האָט ער שטרענג געזאָגט: — חברטע סאַניטאַרין, זייט אַזוי גוט און פאַרשרייבט: אויב ביז צוויי וואָכן וועט סימע נישט האָבן קיין ריינע האָר — אָפּשערן זיי אינגאַנצן.

ווען דער דאָקטאָר מיט דער סאַניטאַרין זיינען אַרויסגעגאַנגען, האָט זיך געהערט דער קלונג. די לערערין האָט בלויז געזאָגט:

— אַ פיינער קלאַס געוואָרן, — און איז אַרויס פון קלאַס.

קיינער פון די קינדער איז אָבער נישט אַרויסגעגאַנגען. דער חשק צו פאַרענדיקן דעם קאָן איז אַריבער. אַלע זיינען געזעסן אויף די בענק פאַרשעמט.

סימע האָט געוויינט אינדערשטיל.

— די לערערין איז ברוגז, — האָט אַ שעפּטשע געטאָן ריוועלע.

— ווייסט איר וואָס, קינדער, — רופט זיך אָן גאָלדע — מע דאַרף אַליין באַקוקן די ריינקייט פון די קינדער.

— צוואָס? דער דאָקטאָר קומט דאָך אַלע וואָך.

— און אונדזערע סאַניטאַרן וועלן אַכטונג־געבן אַלע טאָג.

— גוט — האָבן זיך די קינדער דערפרייט, — אַזוי וועט טאַקע זיין בעסער.

— איך לייג פאָר ריוועלען פאַר ערשטן סאַניטאַר, — זאָגט יאַנקל — זי איז די ריינסטע אין קלאַס.

פאַרן צווייטן סאַניטאַר האָט מען דווקא אויסגעקליבן מאָטלען...

33. מזלדיקער האָז.

מזלדיקער האָז,
מזלדיקער האָז,
פֿאַלסט נישט אויפֿן שכל,
פֿאַלסטו אויף דער נאָז.

טוסטו אויס זיך באָרוועס,
טרעטסטו אָן אויף גלאָז,
גייסטו רייסן עפּל —
כאַפּט דער באַלעבאָס.

שרייבסטו אָן אַ בלעטל,
גיסטו אויס דעם טינט
גייסט אין גאַס זיך שפּילן,
בייסן דיך די הינט.

טראָגסטו אַ ניי רעקל,
האָט דער פּלויט אַ טשוואָק,
גייסטו זען די ציגן,
בוקעט דיך דער באָק.

שפּילסטו אין מלחמה,
טרעפֿט עס דיך אַליין —
כאַפּסטו אין די זייטן
באַלד דעם ערשטן שטיין.

גייסט זיך זומער באָדן,
טרינקסטו זיך אין טייך,
גייסט זיך ווינטער גליטשן,
טוסטו פאַלן גלייך.

מזלדיקער האָז,
מזלדיקער האָז,
פאַלסט נישט אויפן שכל,
פאַלסטו אויף דער נאָז.

34. אויף דער הפסקה.

די קינדער האָבן זיך געשפּילט אין יאָגעלעך. זיי האָבן זיך זייער פאַרמאַטערט מיטן לויפן, האָבן זיי זיך געזעצט אונטער דער אַקאַציע אָפּרוען.

פון דער אַקאַציע זיינען שוין געפאַלן די ערשטע בלעטער.

— זעט נאָר, זעט, — האָט געזאָגט זיסעלע — עס וועלקן שוין די בלעטער אויפן בוים!

— ווען איך בין געווען ביי מיין פעטער אין דאָרף, זיינען נאָך אַלע ביימער געווען גרין, — האָט זיך אָפּגערופן יאָסעלע.

— דיין פעטער וווינט אין אַ דאָרף? — האָט זיסעלע געפרעגט פאַרוווּנדערט.

— מיין פעטער וווינט אין נידערשלעזיע, אין אַ דאָרף, ער איז אַ לאַנדווירט. — האָט יאָסעלע צופרידן געענטפערט.

— איך בין אויך געווען אין דאָרף, — רופט אויס בערל.

35. אויף דער הוידע.

הוידע, הוידע, הוידעלקע,
פיסלעך אין דער הייך.
ווייסע קליינע טייבעלעך
פליען אין דער הייך.
העכער, העכער, הוידעלקע,
באַלד איז שוין דער הימל.
נאָך אַ ביסל, נאָך אַ ביסל
ריר איך אָן דעם הימל.



36. קאַץ און מויז.

קינדער, קינדער, קומט אַרויס,
לאָמיר שפּילן קאַץ און מויז!
אַלע קינדער אין אַ קרייזל,
דו — אַ קעצל, איך — אַ מייזל.
האָט דאָס קעצל שאַרפע ציין,
איז דאָס מייזל פלינק און קליין,
קען דאָס מייזל לויפן פלינק,
אַז דער הויף זאָל טאָן אַ קלונג.

אַז אַ קלונג טאָן זאָל דער הויף,
אָט אַראָפּ און אָט אַרויף,
אָט אַרויף און אָט אַראָפּ
און דאָס קעצל שטייט נישט אָפּ.
און דאָס קעצל — נאָך דער מויז,
אָט אַריין און אָט אַרויס,
נאָך אַ ווײַלע, נאָך אַ רגע,
שאַרפּט דאָס קעצל שוין די נעגל.
אָבער פלינק איז אונדזער מײַזל,
איז דאָס ווידער שוין אין קרײַזל.
און איידער ווען און איידער וואָס,
בלײַבט דאָס קעצל מיט אַ נאָז...

37. דרײַ ייִנגלעך, וואָס האָבן נישט געקאָנט לייענען.

א.

דרײַ ייִנגלעך זיצן אין גאַס אויף דער זון און דערציילן זיך מעשהלעך. קומט צו אַ פערט ייִנגל מיט אַ גרויסן בײַטל צוקערקעס און פרעגט:

— וואָס טוט איר, ייִנגלעך?

— מיר דערציילן זיך מעשהלעך — ענטפערן זיי.

צעלאַכט ער זיך:

— נאַראָנימלעך! דאָרטן גיט מען אומזיסט צוקערקעס, און איר זיצט גאָר דאָ און דערציילט זיך מעשהלעך.

טוען זיך אַלע דרײַ אַ הייב אויף:

— ווו איז דאָס?

— אויף וועלכער גאַס?

— אָבער טאַקע אומזיסט ?

—אַוודאי, — זאָגט דאָס ייִנגל און ווייזט זיין פולן פּאַפּירענעם בייטל.

— ווייז אונדז, וווּ דאָס איז.

— גייט אַליין, וועט איר שוין טרעפן, — זאָגט דאָס ייִנגל — גייט גלייך מיט דער גאַס, וועט איר זעען אַ גרויסן מויער מיט אַ מעשן בלעכל און אַן אויפשריפט, זאָלט איר אַהין אַריינגיין.



ב.

גייען זיי נישט די ייִנגלעך, נאָר זיי לויפן און קוקן אויף די מויערן און בלייבן שטיין, זעען זיי אַ סך גרויסע מויערן מיט אַ סך מעשענע בלעכלעך, און ווייסן נישט וווּ אַריינצוגיין.

— ווען מיר קענען איבערלייענען, וואָלטן מיר שוין געוווּסט, — זאָגט איין ייִנגל.

— אַוודאי, — זאָגט דער צווייטער.

— אָבער וואָס טוט מען ?

— לאָמיר פרעגן אַ גרויסן.

קוקן זיי זיך אום און זעען אַ גאַסן־קערער. פרעגן זיי אים :

— וואָס שטייט אויפגעשריבן אויף דעם בלעכל ?
טוט ער אַ קוק און זאָגט :
— ווער עס וויל קענען לייענען, זאָל גיין אין שול.
— אַ שלעכטער מענטש, — זאָגן די ייִנגלעך און גייען צו צו אַ מיליציאַנט.
— וואָס שטייט אויפגעשריבן אויף יענעם בלעכל ?
— ווער עס וויל קענען לייענען, זאָל גיין אין שול.
— אַ בייזער מיליציאַנט, — זאָגן זיי און גייען צו צו אַ דורכגייער.
—ליבער מענטש, לייען אונדז איבער, וואָס שטייט געשריבן אויף אָט דעם בלעכל.
— ווער עס וויל קענען לייענען, זאָל גיין אין שול.



ג.

ווערן זיי בייז, די דריי ייִנגלעך, און זאָגן :
—לאָמיר אַלע אהיימגיין און זאָגן אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, אַז מיר ווילן קענען לייענען, און שפּעטער, אַז מיר וועלן זיך אויסלערנען, וועלן מיר אַלע דריי צוקומען אַהער און איבערלייענען, וואָס דאָ שטייט אויפגעשריבן.

אַזוי האָבן די יינגלעך געטאָן. זיי האָבן זיך פאַרשריבן אַלע דריי אין אַ שול, און ווען זיי האָבן שוין געקאָנט לייענען, זיינען זיי צוגעקומען צום זעלבן מויער און איבערגעלייענט דעם אויפשריפט אויף דעם בלעכל.
וואָס האָט טאַקע געזאָגט:
„ווער עס וויל קענען לייענען — זאָל גיין אין שול".

38. יידיש.

די וועלט איז פול מיט רעדן,
עס רעדט דאָך יעדע זאַך.
און יעדער אויף זיין שטייגער,
און יעדער אויף זיין שפּראַך.

און יידן רעדן יידיש
אין אַלע עקן וועלט,
אין אַפריקע, אין היסער
און אין סיבירער קעלט.

און יידן רעדן יידיש,
און יידיש איז דאָך שיין.
ס'איז גרינג אַ צווייטן יידן
פאַרשטיין, ווי זיך אַליין.

39. אַ בריוו.

די לערערין רופט אוים פון זשורנאַל:
— בערנשטיין?
דאָ! — שטעלט זיך אויף שרה.

— גוטמאַן ?
— דאָ !
— ווייסבערג ?
קיינער רופט זיך נישט אָן. די לערערין קוקט זיך אַרום. דערנאָך זאָגט זי צו יאַנקעלען :
— מוליק ווייסבערג איז דאָך דיין בעסטער חבר. ווייסטו נישט, פאַרוואָס איז ער נישטאָ אין שול אַזוי לאַנג ?
יאַנקעלע ענטפערט :
— לערערין ! מוליק וועט שוין נישט קומען מער אין שול. ער איז אַרויסגעפאָרן מיט די עלטערן אין אַן אַנדער שטאָט. איך האָב שוין געקריגן אַפילו אַ בריוו פון אים.
— אוי, לייען אונדז איבער ! — רופן זיך אָן עטלעכע קינדער מיטאַמאָל.
די לערערין זאָגט דאַן :
— לייען טאַקע איבער פאַר אַלעמען, ס׳איז אינטערעסאַנט !
יאַנקעלע נעמט אַרויס אַ בריוו פון אַ בלויען קאָנווערט און לייענט אויפן קול :

מוליקס בריוו.

וואַלבזשיך, דינסטיק, דעם 20טן סעפּטעמבער, 1950 יאָר.
טייערער חבר יאַנקעלע !
איך בין שוין אין וואַלבזשיך. דאָס איז אין נידערשלעזיע. די שטאָט איז אַ שיינע. דאָ וווינען אַ סך יידן; מיין טאַטע אַרבעט אין אַ קוילנגרובן. איך גיי אין דער יידישער שול. איך האָב שוין אַ סך נייע חברים.

איך שיק אַ גרוס דער לערערין און אַלע קינדער פון קלאַס.

פון מיר דיין חבר

מוליק

שרייב מיר אויפן אַדרעס:

ווייסבערג שמואל

וואַלבזשיך

גאַס אויפן נאָמען פון די געטאָ־העלדן

נר. 12

מע שרייבט ענטפּער.

אַז יאַנקעלע האָט געענדיקט לייענען, איז אַ ווײַלע געווען אינגאַנצן שטיל אין קלאַס. דערנאָך איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ ליאַרעם:

— איך האָב אַ מומע אין נידערשלעזיע — דערציילט בערל.

— איך בין געווען פּאַראַיאָרן אין וראָצלאַוו! — באַרימט זיך בלומע.

— און איך אויך! — ווערט אין קלאַס אַ ביסל אַ טומל.

— שאַט קינדער! — גיט פּלוצעם אַ זאָג גאָלדע, — מע דאַרף מוליקן ענטפערן אויף זיין בריוו.

— יאָ, יאָ, לערערין, לאָמיר שרייבן מוליקן ענטפּער — שרייען אַלע קינדער. לאָמיר טאַקע אַלע צוזאַמען אָנשרייבן מוליקן אַ בריוו.

— נו, קינדער, ווער וועט זאָגן וואָס מיר וועלן שרייבן?

אַ סך הענט האָבן זיך אויפגעהויבן.

40. אַן אומגעבעטענער גאַסט.

— לאָז מיך אַריין, לאָז מיך אַריין, — האָט זיך די
די בלאָטע געבעטן ביים אַלטן טרעטערל.
דו גייסט נישט קיין טראָט ווייטער, — האָט דאָס
טרעטערל שטרענג געענטפערט.

— לאָז נישט אַריין — האָט פון ווינקל זיך אָפּגערופן
די בייזע באַרשט. דאָס פעלט אונדז נאָך, אַז בלאָטע
זאָל זיך אַריינגאַנווענען אין שול און פריי ארומשפּאַצירן
איבער די צימערן.

די בלאָטע האָט זיך באַרויקט, אָבער באַשלאָסן
אויספירן אירס.

— מע וויל מיך ניט אַריינלאָזן ? — וועל איך אַליין
אַריינגיין !

זי קוקט זיך אום אין אַלע זייטן און דערזעט, ווי
שמעון גייט אין שול אַריין. ער רייבט קיינמאָל נישט אָפּ
די בלאָטע פון די שיך, איידער ער גייט אַריין אין שול.

האָט זיך די בלאָטע צוגעקלעפּט טאַקע צו זיינע שיך און זיך אַריינגעשאַרט אין קלאַס אַריין.

— אוי, וואָס פאַר אַ צרות מיר האָבן דאָ פון דעם שמעונען. ער פאַרשמוצט דעם גאַנצן קלאַס, — האָט זיך געקלאָגט דאָס טרעטערל.

ביי די בענק האָט זיך די בלאָטע אָפּגעקלעפּט פון זיינע שיך און פאַרזיכטיק אַרומגעקוקט.

אין אַ רגע איז געקומען צו פליען דער שטויב, האָט זיך געזעצט אויף דער פאָרלאָגע און געפרעגט ביי דער בלאָטע:

— וואָס מאַכסטו עפּעס?

— גאַנץ גוט! נאָר ס'איז מיר אומעטיק צו זיין דאָ אַליין.

— אַ שאָד, וואָס מיר זיינען דאָ אַזוי ווייניק.

אין קלאַס איז געוואָרן אַ טומל. די קינדער זיינען אַרויס אויף דער הפסקה.

— גיב נאָר אַ קוק, סאָראַ באַשעפעניש! — האָט אַ געשריי געטאָן די בלאָטע — דאָס איז די בייזע באַרשט! קום! לאָמיר אַנטלויפן!

— וווהין?

— אונטער די בענק.

עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט!

— שטייט! — האָט מיט כעס אַ געשריי געטאָן די באַרשט און אַ כאַפּ געטאָן די בלאָטע.

דער שטויב איז אַנטלאָפן און געזעצט זיך אויף די בענק. ער איז אָבער אויך אַריינגעפאַלן אין שרהלעס הענט, וואָס איז היינט געווען דיזשורנע, און מיט אַ גרויסער שמאַטע געווישט די בענק. — דאָ איז פאַר דיר נישט קיין אָרט! דאָ מוז זיין ריין!

41. די קאַפּעליע.

לאָמיר זיך שפּילן אין קלעזמאָרים, קינדער!
לאָמיר, נו — איר גייט?
יאָשקע וועט זיין דער ערשטער פידלער
און דינהקע וועט זיין דער פלייט.

נח וועט זיין — זאָל ער זיין אַ צימבלער,
די פויק וועט זונדל זיין,
און חנה וועט שפּילן די צווייטע פידל —
נו, גוט, נו, שיין, נו, פיין!

און משה וואָס וועט שפּילן, משה?
— ער וועט שפּילן באַס
און פריידל וועט פּאַטשן מיט די טאַצן,
און ציטערן וועט די גאַס.

איז וואָס זשע פעלט אונדז נאָך צום רומל?
ס'פעלט אַ דיריגענט!
איך וועל זיין דער קאַפּעלמייסטער,
כ'קאָן שאָקלען מיט די הענט.

איצט, אַז מיר האָבן די קאַפּעליע,
לאָמיר אויסשפּילן אַ זאַך!
— וואָס הייסט אירט שפּילן גאָר אָן מאָטלען,
און פאַר מיר איז נישטאָ קיין פאַך?

אמת, יאָ, וואָס וועט מאָטל טאָן?
מאָטל? וועט זיין אַ בלאַזט מיט נאָטן!
נו! היידאַ! הייבט שוין אָן!

אויסגעשטעלט זיך די קאַפּעליע
אויף אַ בערגל גראָז:
יאָשקע האָט מיט דער האַנט געצויגן,
און דינהקע האָט זיך געבלאָזט;

נח האָט מיט דער צונג געצינגלט,
און זונדל — בום, בום, בום,
ליאַ־ליאַ־ליאַ — געשפּילט האָט חנה,
און משה האָט געברומט.

פריידל האָט געפּאַטשט, געפּליעסקעט.
און דער דיריגענט
האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף מאָטלען
און געוואָרפן מיט די הענט.



42. צוויי פוילע.

צוויי פוילע זיינען געלעגן און גאָרנישט געטאָן.
גייט צו צו זיי איינער און פרעגט ביי איין פוילן:
— וואָס טוסטו?
ענטפערט ער:
— גאָרנישט.

פרעגט יענער ביים צווייטן פוילן:
— און וואָס טוסטו?
ענטפערט ער:
— איך העלף אים.

43. לעמעך גייט אין שול אַריין.

לעמעך קומט צום ערשטן מאָל אין שול. האָט אים דער לערער גענומען אויספרעגן.

דער לערער: ווי הייסטו, יינגעלע?

לעמעך: איך הייס נישט.

לערער: נייןן, איך מיין, ווי רופט מען דיך?

לעמעך: קיינער רופט מיך נישט.

לערער: איך פרעג, ווי איז דיין נאָמען?

לעמעך: אָ, דאָס ווילט איר וויסן? מיין נאָמען איז לעמעך.

לערער: ווי אַלט ביסטו?

לעמעך: איך בין נאָך נישט אַלט.

לערער: איך וויל וויסן, ווי לאַנג לעבסטו אויף דער וועלט?

לעמעך: אָ, דאָס מיינט איר? ניין יאָר.

לערער: וואָס איז דיין טאַטע?

לעמעך: ער איז קראַנק.

לערער: ניין, איך מיין, וואָס טוט ער?

לעמעך: ער הוסט.

לערער: איך פרעג, וואָס טוט ער, ווען ער איז נישט קראַנק און ער הוסט נישט?

לעמעך: טוט ער זיך אָן און גייט צו דער אַרבעט.

לערער: ביי וואָס אַרבעט ער ?
לעמעך: ביי אַ טיש.
לערער: וואָס אַרבעט ער ביי אַ טיש ?
לעמעך: וואָס מען גיט אים.
לערער: אָבער וואָס פאַר אַן אַרבעט גיט מען אים ?
לעמעך: וואָס ס'איז נאָר פאַראַן.
לערער: ניין, לעמעך, איך וויל וויסן, פון וואָס באַשטייט זיין אַרבעט ?
לעמעך: ער שטייט נישט ביי דער אַרבעט. ער זיצט.
לערער: איז ביי וואָס פאַר אַן אַרבעט זיצט ער ?
לעמעך: כ'האָב דאָך שוין געזאָגט: ביי וואָס ס'איז פאַראַן.
לערער: וואָס־זשע פאַר אַן אַרבעט איז פאַראַן ?
לעמעך: פון וואַנען זאָל איך וויסן ?
לערער, נו, זאָל זיין אַזוי. זעץ זיך שוין, לעמעך !

44. לעמעך אויף דער לעקציע.

לערער: מיר לערנען איצט רעכענען. (צום קלאַס) ווער ווייסט, וויפל איז אַ העלפט פון פינף ?
לעמעך: איך וויים לערער, צוויי! (דער קלאַס לאַכט)
לערער: ס'איז צו ווינציק.
לעמעך: דריי.
לערער: ניין, ס'איז צו פיל.
לעמעך: (טראַכט, טראַכט און טראַכט)
לערער: נו, וואָס שווייגסטו, לעמעך ?

לעמעך: אַז איר זענט אַלץ נישט צופרידן. זאָג איך צוויי, איז ווייניק, זאָג איך דריי, איז צו פיל.

לערער: (שמייכלט) נו ציילן קאָנסטו, לעמעך?

לעמעך: אַוודאי. (ציילט אויף די פינגער) איינס, צוויי, דריי, פיר.

לערער: צייל אויפן קאָפּ.

לעמעך: ווי קען מען ציילן אויפן קאָפּ? איך האָב דאָך בלויז איין קאָפּ.

לערער: נו, גענוג מיט רעכענען. מיר וועלן איצט שרייבן. (דער קלאַס שרייבט. לעמעך טוט עפּעס אין זיין העפט).

לערער: וואָס טוסטו לעמעך?

לעמעך: איך שרייב אַ בריוול.

לערער: דו קאָנסט דאָך נישט שרייבן?

לעמעך: ס'מאַכט נישט אויס, לערער, דאָס שרייב איך צו צעמעכן, ער קאָן סיי ווי נישט לייענען.



ס'איז דער הארבסט געקומען

45. אָקטאָבער.

שטיל־שאַ ,שאַ־שטיל ,שאַ־שאָרך, שוין!
כ׳בין אָקטאָבער, סוף פון זומער,
לייג איך שלאָפן אַלע בלומען,
וואַרף איך גאָלד אויף צווייג און בוים.

ווען־וו־הו־הו־ ווינטל ווייט,
כ׳בין אָקטאָבער ,כ׳וועל פאַרבעטן
וועג און שטעג מיט געלע בלעטער
און מיט אומעטיקער פרייד.

פלי־פרי, צוויי־צוויי, פליגל־פלייט,
כ׳בין אָקטאָבער, אין שערענגעס
שיק איך פייגל לידער ברענגען,
ניי געזאַנג פאַר קינד־און־קייט.

46. מיר גרייטן זיך צום ווינטער.

דער קעלער איז געווען נישט קיין גרויסער, אָבער א טרוקענער און ריינער. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט אים שרהלעס מאַמע אויסגעקערט, אויסגעשיט אויף דער פאָדלאָגע געלן זאַמד, אַלץ איז געווען צוגעגרייט. מע

האָט געבראַכט דאָס גרינוואַרג, די מאַמע אײַלט זיך. עס העלפן איר שׂרהלע און יאָסל.

— ווו זאָל איך אויסשיטן די קאַרטאָפּל?

די קאַרטאָפּל — אויפן שטרויענעם געלעגער.

שׂרהלע פאַרדעקט זיי אויך מיט שטרוי, אַז זיי זאָלן איבערן ווינטער נישט פאַרפרוירן ווערן. זי דערמאָנט זיך, ווי זי האָט אַ גאַנצן זומער געהאָלפן דער מאַמען. אַמיינסטן אַרבעט האָבן זיי געהאַט בײַ די קאַרטאָפּל. מע האָט זיי געמוזט אַרומגראָבן. דערפאַר זײַנען זיי טאַקע אַזוינע גרויסע און שיינע.

— אָ! — גיט אַ געשריי שׂרהלע, דערזעענדיק אַ קאַרטאָפּל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ מענטשעלע. זי לייגט אים אַריין אין קעשענע פון פאַרטעכל.

יאָסל האָט געבראַכט די מערן. ער האָט זיי אויסגעשיט אין ווינקל, ווו עס איז געלעגן דער טרוקענער זאַמד. צום בעסטן היטן זיך אָפּ די מערן אין טרוקענעם

זאַמד; זיי ווערן נישט קאַליע און ווערן נישט פאַרוועלקט. ביז זומער וועלן זיי זיין גוט און פריש.

— אָ, וואָס פאַר אַ גרויסער מער! געדענקסט מאַמע, ווי מיר האָבן זיי געזעצט? זיי זיינען געווען זייער קליין! עס איז געווען שווער צו אונטערשיידן זיי פון די ווילדע גראָזן.

— דו געדענקסט, ווי דו האָסט זיך געקלאָגט, אַז די אַרבעט איז אַן אומזיסטע, אַז מע וועט אַרויסרייסן איין ווילדגראָז, וועט אויסוואַקסן אַ צווייטס, — שמייכלט די מאַמע.

— ס׳איז ריכטיק, ענטפערט יאָסל, — כ׳האָב טאַקע אַזוי געמיינט.

יאָסל איז אַוועק און געבראַכט דאָס קרויט.

— אַ טייל טראָג אַרויף אין קיך אַריין. מיר וועלן דאָס קרויט איינזייערן.

די אַרבעט אין קעלער איז פאַרענדיקט. אַלע זיינען איצט אין קיך. די מאַמע נעמט זיך איצט צום קרויט. שרהלע האָט ליב צו שאַטקעווען דאָס קרויט. זי האָט אָנגעטאָן דער מאַמעס פאַרטעך און אָפּגעוואַשן די הענט. מע שאַטקעוועט דאָס קרויט און מע לייגט עס אין פעסל אַריין. דאָס פעסל ווערט וואָס אַמאָל פולער.

צום סוף פאַרדעקט די מאַמע דאָס פעסל מיט אַ הילצערן דעקל, און לייגט אויף אים אַרויף אַ שטיין, אַז דאָס קרויט זאָל זיך גוט איינזייערן.

נאָך דער אַרבעט זיינען די קינדער זייער צופרידן: אין קעלער קאַרטאָפל, מערן און קרויט, אין קיך שטייט אַ פעסעלע געזאַלצענע פּאָמידאָרן, אַ פעסל געזייערט קרויט, איבער דער קיך טריקענען זיך שוואָמען.

דאָס אַלץ האָבן זיי צוגעגרייט מיט זייער אייגענער מי און אַרבעט.

47. גרעזעלעך.

וויינען גרעזעלעך
אין וואַלד:
— אויס דער זומער
האַרבסט שוין באַלד!
וויינט נישט, וויינט נישט,
גרעזעלעך,
זומערס זיינען
דאָ אַ סך.
וויינען גרעזעלעך
אין וואַלד:
— האַרבסט און ווינטער
זיינען קאַלט!
— וויינט נישט, וויינט נישט,
גרעזעלעך,
זון און הימל
אויף דער וואַך.

48. פיר מאָל.

ס'איז געווען ווינטער. מאָטעלע האָט זיך געשליטלט אויף זיין שליטעלע, געלאָפן איבערן אייז. ער איז געקומען אַהיים אַ רויטער, אַ פריילעכער און געזאָגט צום טאַטן:

טאַטע, סאַראַ לעבן עס איז ווינטער! איך וואָלט וועלן, ס'זאָל זיין אַלעמאָל ווינטער.

— געדענק, מאָטעלע, מיר וועלן דאָס פאַרשרייבן!

— האָט געזאָגט דער טאַטע און האָט פאַרשריבן מאַטעלעס ווערטער אין אַ ביכעלע.

ס'איז געקומען דער פרילינג. מאַטעלע איז אַרומגעלאָפן איבער דער גרינער לאָנקע, געכאַפּט פלאַטערלעך, געריסן בלומען.

מאַטעלע איז געקומען צום טאַטן און געזאָגט:

— סאַראַ פאַרגעניגן ס'איז דער פרילינג! איך וואָלט װעלן, ס'זאָל שטענדיק זיין פרילינג.

דער טאַטע האָט עס פאַרשריבן אין דעם ביכעלע.

ס'איז געוואָרן זומער. מאַטעלע איז געווען מיטן טאַטן אין פעלד און אין וואַלד. אַ גאַנצן טאָג האָט ער פאַרבראַכט דאָרטן, געריסן בלומען, געקייקלט זיך אין היי.

אין אָוונט זאָגט מאַטעלע צום טאַטן:

— טאַטע, איך וואָלט װעלן, אַז דער זומער זאָל זיך קיינמאָל נישט ענדיקן!

דער טאַטע האָט ווידער פאַרשריבן אין ביכעלע.

ס'איז אָנגעקומען דער האַרבסט. אין סאָד האָט מען צונויפגענומען די פרוכט, רויטע עפּל און געלע באַרן. מאַטעלע האָט געהאָלפן. ער האָט געהאַט גענוג אַרבעט. ער האָט אויך געגעסן עפּל און באַרן וויפל ער האָט נאָר געוואָלט.

— האַרבסט איז די בעסטע צייט פון יאָר! — האָט ער זיך אָפּגערופן צום טאַטן.

דעמלט האָט דער טאַטע אַרויסגענומען דאָס ביכעלע און געוויזן מאַטעלען, אַז דאָס זעלבע האָט ער געזאָגט וועגן ווינטער, וועגן פרילינג און וועגן זומער.

49. האַרבסט.

איז דער האַרבסט געקומען,
וועלקן בוים און בלום.
געלע בלעטער, זע איך,
האַלגערן זיך אום.
קומט אַ ווינט אַ קאַלטער,
פייפט אַ לידל צו,
און די געלע בלעטער
האָבן ניט קיין רו.

50. פעטיאַ.

— דאָקטאָר, שרייבט מיך אויס, איך בין שוין געזונט. איך קאָן שוין גיין. איך קאָן שוין אַפילו לויפן. מיין קני איז שוין גענוג אויסגעהיילט.

— ניין, פעטיאַ, דו מוזט נאָך אַ פּאָר טעג בלייבן אין שפּיטאָל. ביסט דאָך נישט מער ווי צוועלף יאָר אַלט.

— אָבער מיין באַטאַליאָן פירט דאָך איצט די גרויסע שלאַכט אויף דעם פראָנט. מע מוז אויסראָטן די היטלעריסטן.

— געוויס, פּעטיאַ. געוויס מוז מען זיי אויסראָטן. דעריבער דאַרף מען זיך גיך אויסהיילן. קראַנקע טויגן נישט אויפן פראָנט. און אַז דו וועסט זיין געזונט, וועסט ווידער קענען זיין אַ העלדישער רויטאַרמייער.

פּעטיאַ האָט אַריינגערוקט דעם קאָפּ אין קישן. אין די גרויסע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. די קראַנקןשוועסטער איז צוגעקומען און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין בעטל. זי האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ, אַריינגעקוקט אים אין די אויגן און געזאָגט:

— נו, אָט נאַ דיר גאָר אַ געוויין, אַ רויטאַרמייער פון קאָמאַנדיר פּאַווּלאָווס העלדישן באַטאַליאָן זאָל גאָר וויינען!

— נו, גוט, איך וויין נישט, — האָט פּעטיאַ געענטפערט שטיל — עס פאַרדריסט בלויז, וואָס איך קאָן איצט נישט זיין מיט מיין באַטאַליאָן. איך וויל זיי הרגענען, די היטלעריסטן, אַ סך, אַ סך פון זיי. דאָס איז פאַר מיין מאַמען, פאַר מיינע שוועסטער און ברידערלעך און פאַר מיין טאַטן — דעם פּאַרטיזאַן, וואָס זיי האָבן דערשאָסן.

51. דער שענסטער נאָמען

דער שענסטער נאָמען
איז העכער פון בערג
און העלער פון לויטערע שטראָמען
דער טייערער נאָמען.

דער טייערער נאָמען —
ער פלאַקערט און פירט אונדז אין קריג,
און פירט אונדז צום זיכערן זיג.
ביי וועמען עס וואַכט דאָס האַרץ
און אויגן ברענען, —
דער ווייסט פונעם נאָמען,
דער ווייסט אים,
דער קען אים,
דער ווייסט,
אַז דער נאָמען דער שענסטער איז — לענין.



52. דער אָקטאָבער־יום־טוב אין שול.

אַלע קלאַסן האָבן זיך געגרייט צום יום־טוב. דער זאַל איז געווען באַצירט מיט אויפשריפטן און בילדער. עס זיינען געהאָנגען די בילדער פון לענין און סטאַלין, באַצירט מיט גרינס און בלומען. די שענסטע וואַנט־צייטונג איז געהאָנגען אונטער די בילדער.

דער פאַרוואַלטער האָט אַלעמען באַגריסט און דערציילט וועגן יום־טוב.

אַלע קלאַסן האָבן פאַרגעשטעלט. דער צווייטער קלאַס האָט פאַרגעשטעלט די „באַלמעלאַבעס". מאַשעלע האָט געזאָגט דאָס געדיכט „דער שענסטער נאָמען איז לענין".

שרהלע און פריידקע האָבן געטאַנצט אַ רוסישן פאָלקס־טאַנץ. זיי קענען אים נאָך פון ראַטנפאַרבאַנד.

נאָך דער פאָרשטעלונג האָבן די קינדער באַקומען מתנות: צוקערקעס, קיכעלעך און ניס. עס איז געווען פריילעך.

53. אַ מעשה פון אַ גאַנץ יאָר.

פרי איז פרילינג אָנגעקומען,
און דער זומער אַ ביסל שפּעטער,
אויף דער ערד געשאָטן בלומען
און אויף ביימער גרינע בלעטער.

אָנגעאַרבעט, אָנגעלאָפן,
אַלע פעלדער אויסגעטראָטן,
זיינען ביידע איינגעשלאָפן
אין אַ קילן גרינעם שאָטן.

און דערווייל האָט פּעטער האַרבסט
שטיל, פּאַמעלעך זיך פאַרקליבן,
און מיט גאָלד אויף גרינע בלעטער
נייע מעשיות אָנגעשריבן.

און דער זיידע ווייסער ווינטער,
אויף זיין ווייסן פערד געפלויגן,
איז געקומען פון דערווייטן
און דעם האַרבסט מיט ווייס באַצויגן.



שטוב און גאס

54. די מאַמע.

זיצט אַ מאַמע לעבן בעט
און צום ווינט אַזוי זי רעדט:
— הער אויף, הער אויף בלאָזן, ווינט,
ס'וויינט און רעדט פון היץ מיין קינד!
ווער האָט מיר אַזוינס געטון?
ווער האָט קראַנק געמאַכט מיין זון?
שולדיק אפשר איז דער שניי,
וואָס מיין יינגעלע טוט ווי?
שלאָפט שוין נישט די דריטע נאַכט,
האָב איך אויך קיין אויג פאַרמאַכט,
אויסגעזונגען ביז איין ליד,
און פון זינגען בין איך מיד.
טראָגט זיך שטיל דער ווינט אַוועק,
נאָר ער ברומט דעם גאַנצן וועג:
— כ'וועל אים איינוויגן דעם שנעק,
פאַר דער מאַמען טוט מיר באַנג,
ס'קאָן די מאַמע ווערן קראַנק:
נישט זי שלאָפט און נישט זי רוט,
ווייל דער שטיפער איז נישט גוט!
ס'האָט דער יונג דאָך יעדן טאָג
אָן אַ מאַנטל זיך געיאָגט
און געוואַלגערט זיך אין שניי,
אָט פאַרוואָס עס טוט אים ווי!

און די מאַמע לעבן בעט
צום אַעראָפּלאַן שוין רעדט:
— זשום נישט, שטיל, אַעראָפּלאַן,
זע, ביי מיר אַ זון פאַראַן,
איז ער זייער קראַנק, מיין קינד,
איז ער זייער קראַנק אַצינד.

פליט אַעראָפּלאַן אַוועק,
נאָר ער זשומט דעם גאַנצן וועג:
— כ׳וועל אים איינוויגן דעם שנעק!
פאַר דער מאַמען טוט מיר באַנג,
ס׳קאָן די מאַמע ווערן קראַנק:
נישט זי שלאָפט און נישט זי רוט,
ווייל דער שטיפער איז נישט גוט.

נאָר די מאַמע איז נישט מיד,
פונדאַסניי הייבט אָן אַ ליד:
— שלאָף, מיין יינגעלע, שלאָף איין,
מאָרגן וועט דיר גרינגער זיין!

אָט, די זון שוין כאַפּט זיך אויף,
שטראַלן גיט נאָך זיך אַ רוף:
— שטראַלן, שטראַלן לויפט געשווינד,
גיט אַ קוק, וואָס מאַכט דאָס קינד.
זעט דער שטראַל: דאָס יינגל רוט.
אין אַ סימן, אים איז גוט,
אַז ער שמייכלט און ער רוט.

נאָר די מאַמע שלאָפט נאָך ניט,
און דאָס בעטעלע זי היט:
— שטילער, שטראַלן,שטילער זון.
איינגעשלאָפן איז מיין זון!

55. אַז די מאַמע איז נישט געזונט געוואָרן.

אַז די מאַמע איז געוואָרן נישט געזונט, איז געוואָרן אומעטיק אין שטוב.

די קינדער זיינען געזעסן אין אַ ווינקעלע און זיך נישט געשפּילט.

דאָס פייגעלע אין שטייגל האָט נישט געהאַט קיין קערנער צו פּיקן, האָט עס נישט געזונגען, נישט געשפּרונגען.

דאָס הינטל, דאָס ווילדע לוסטיקע הינטל, איז געלעגן ביי דער מאַמעס בעט און נישט אָפּגעטראָטן.

די בלומען אויפן פענצטער האָבן אַראָפּגעלאָזט זייערע קעפּלעך. קיינער האָט נישט געטראַכט צו באַגיסן זיי מיט אַ טראָפּן וואַסער.

אַז די מאַמע איז געוואָרן נישט געזונט, איז דער זייגער אויף דער וואַנט געבליבן שטיין.

דער טאַטע איז גאָר שפּעט אַוועק צו דער אַרבעט און האָט זיך צוריקגעקערט פריער ווי שטענדיק.

אַז די מאַמע איז געוואָרן נישט געזונט, האָט קיינער נישט געקענט פירן די שטוב ווי ס'באַדאַרף צו זיין.

דער טאַטע האָט געמאַכט פייער און אַרויפגעשטעלט די מילך, אָבער דאָס פייער האָט גערייכערט, און די מילך איז אויסגעלאָפן.

דאָס קליינע ריוועלע האָט גענומען אויפראַמען די שטוב. זי האָט צעשטעלט די שטולן, אָפּגעווישט דעם שטויב פון אַלמער און פון טיש, אויסגעקערט די צימערן. זי איז אָבער באַלד מיד, זייער מיד געוואָרן.

אויף מאָרגן, ווען דער מאַמען איז בעסער געוואָרן און זי איז אַ בלאַסע פּאַמעלעך אַראָפּ פון בעט, איז ווידער ליכטיק געוואָרן אין אַלע ווינקעלעך.

56. אַלצדינג קען איך.

אַלצדינג קען איך טאָן אין הויז,
העלף איך אַלעמאָל דער מאַמען:
אַז זי קערט די קאַמער אויס,
קלייב איך דאָס פּאַפּיר צוזאַמען.
אַז זי וואַשט אָפּ דאָס געפעס,
נעם איך מיט אַ האַנטעך ווישן,
דאַרף זי אויסבעטן דאָס בעט,
העלף איך טראָגן איר די קישנס.
אָט אַזוי העלף איך אין אַלץ.
בין איך דען נישט אַ גוט מיידל?
נייען קען איך אויך, דו זעסט?
ניי איך זיך אַ ניי קליידל.

57. וועקט די מאַמע מיך פון בעט.



וועקט די מאַמע מיך פון בעט:
— שטיי שוין אויף, מיין קינד, ס'איז שפּעט.
טו זיך אָן און וואַש זיך איין,
ס'איז שוין צייט אין שול צו גיין.
עפן איך די אויגן באַלד:
פֿינצטער איז אין שטוב און קאַלט.
— מאַמע, מאַמע! ווי מיר שיינט,
איז די זון פֿאַרשלאָפֿן היינט.
— ניין, מיין קינד, די זון פֿאַרגייט
און זי גייט אויף אין צייט.
קלאַפּט זי אין די טירן אָן,
זאָגט אַ העלן מאָרגן אָן.
נאָר ביי אונדז די טיר איז קליין,
קאָן זי נישט אין שטוב אַריין.

— מאַמע, איך וועל וואַקסן גרויס,
בוי איך אויף אַ ליכטיק הויז!
וועלן טירן גרויסע זיין —
אָפן פאַר דער זון און שיין.

58. קידער־ווידער.

אַ מעשה מיט צוויי ברידער

א.

אַמאָל זיינען געווען צוויי ברידער. איינעם האָט מען גערופן קידער און דעם אַנדערן ווידער.

און זיי האָבן טאַקע געלעבט קידער — ווידער. האָט איינער געזאָגט טאָג, האָט דער צווייטער געזאָגט נאַכט; האָט איינער געוויינט, האָט דער צווייטער געלאַכט; האָט איינער געזאָגט זומער, האָט דער צווייטער געזאָגט ווינטער.

איינמאָל האָבן די ברידער געדאַרפט ערגעץ־ווו פאָרן, זאָגט איינער:

— לאָמיר פאָרן מיט דער באַן.

לאַכט דער צווייטער:

— אַ נייער פּלאַן, גאָר פאָרן מיט דער באַן!

לאַכט קידער:

— טאָ ווי־זשע ווילסטו פאָרן?

מאַכט ווידער:

— איך מיין מיט פערד און וואָגן.

מאַכט קידער:

— אַ פערד און וואָגן טויג אויף קלאָגן.

זאָגט ווידער:

— און מיט דיין באַן, גיי איך מיט דיר אין געוועט, וועלן מיר נאָך פאַרפאָרן העט—העט!
אַזוי האָט מען זיך געקריגט און געקליגט, ביז מע איז גאָרנישט געפאָרן.



דאָס אַלטע הויז, וווּ די צוויי ברידער, קידער און ווידער, האָבן געוווינט, האָט שוין געהאַלטן ביים איינפאַלן, און מע האָט געדאַרפט בויען אַ ניי הויז.
מאַכט קידער:
— מען דאַרף בויען פון האָלץ.
מאַכט ווידער:
— ניין, פון ציגל.
מאַכט קידער:
פון ציגל איז דאָך טייער.
לאַכט ווידער:
— און פון האָלץ טויג אויף פייער!
האָבן זיי אַזוי אָפּגעקידערט און אָפּגעווידערט און גאָרנישט געבויט קיין הויז.
זיינען זיי געזעסן אין דעם אַלטן הויז.
און זיי זיינען געזעסן, ביז דאָס הויז איז איינגעפאַלן.

59. דער טאַנץ אין קיך.

ס'האָבן כלים נאָכן וואַשן,
זאַט פון עסן און פון נאַשן,
אַלע כלים פון דער קיך
צונויפגענומען זיך אויף גיך,
צונויפגענומען אין אַ קרענצל
און געלאָזט זיך אין אַ טענצל.
איז אַ טענצל דאָס געווען,
זעלטן ווען אַזוינס צו זען.
מיט התלהבות שוואַרצער טאָפּ
האָט געהאָפּקעט: האָפּ, האָפּ, האָפּ!
מיט פריילן שיסל ביי דער זייט,
ווי סע פּאַסט פאַר גרויסע לייט.
און פון וואַסער בייכיק פּעסל —
מעשה יוסטער באַלעבעסל —
מיט חבר עמער זאַלבעצווייט
האָט געהאָצקעט זיך, געדרייט.
היינט, ווער שמועסט, וואָזעס, טעלער,
אויסגעקאָכט אויף אַלע בעלער,
מיט זילבער־לעפל אויבנאָן
נישט געפעלט האָבן אין קאָן.
אַ האַלב טוץ גלעזער מיט די שאָלן,
צוגעפאַרבטע און באַמאָלן,
מיט ניקל־טעצל קאַוואַליער
האָבן זיי געטאַנצט אַ שער.
אויב אַ שמחה, טאָ פאַרשטייזשע,
אַז ס'ווערט נישט פעלן מומע דייזשע.
האָט זי זיך גערוקט מיט שטאָלץ,
געאָרעמט מיטן וואַלגערהאָלץ.

און פון חלה גרויסער בעקן
האָט מיט קאַטשערע דעם שטעקן
זיך געהאָפּסעט הין און צריק —
ס׳האָט געקלונגען ווי מוזיק.
צוקער־צווענגל, גרויסער קנאַקער,
מיט אַ גדולה, מיט אַ פלאַקער,
האָט געהויבן פלינק די פּיסלעך
מיטן צווענגל צו די ניסלעך.
אַפילו בלעכענער ריבאייזן
האָט געוואָלט דאָ אויך באַווייזן
אינעם טאַנצן זיין טאַלאַנט —
איז ער גיך אַראָפּ פון וואַנט,
און געשטשירעט שאַרפע ציין,
דאָס מע וויל מיט אים אין פּאָר נישט גיין.
און אָט באַווייזט זיך גאָפּל־מעסער
ווערט די שמחה שטאַרקער גרעסער.
ביידע שפּיציק־שאַרפע מוחות
און מען טאַנצט מיט אַלע כוחות,
און מע גייט אַ טאַנץ אַ רעכטער,
מע פּלאַצט אַ פלאַש אַזש פון געלעכטער.
און דאָס בלויע, איידלע פענדל
פּאַלמט חלשות אויף אַ קענדל.
נאָר דער טשייניק אויף דער פּליטע
זידט און קאָכט זיך שטאַרק דערהיצט:
מאַכט אַ טאַנץ זיך און אַ שמיטה,
איז ער גאָר פאַרנומען איצט.
שטייט דער בעזעם ביי דער טיר,
זעט די שמחה ביים געשיר,
כאַפּט ער גיך דעם פלעדערוויש
און לאָזט מיט אים זיך אויפן טיש.

נעמען ביידע הענט צעפירן,
פרייען זיך און אפלאָדירן.

60. דער עפּל

די מאַמע האָט געבראַכט פון מאַרק אַ גרויסן, רויטן עפּל.

— זע, מירל, וואָס פאַר אַן עפּל! האָט זי געזאָגט צו איר טאָכטער, וואָס איז געזעסן און גענייט — פריש, נאָר פון בוים. נעם, עס אים אויף.

מירל האָט שוין געוואָלט איינבייסן דעם עפּל, האָט זי זיך דערמאָנט אין איר ברודערל יאַנקעלע. ער האָט איר צוויי מאָל געפאָלגט אַ גאַנג.

— זאָל זיין פאַר אים! — האָט זי באַשלאָסן.

אַז יאַנקעלע איז געקומען פון דער שול, האָט מירל אים אָפּגעגעבן דעם עפּל.

יאַנקעלע האָט אָבער גראָד נישט לאַנג געגעסן עפּל. האָט ער באַהאַלטן דעם עפּל אויף שפּעטער.

שפּעטער האָט די מאַמע געשיקט יאַנקעלען אַוועקטראָגן מיטאָג דעם טאַטן. דער טאַטע — אַ סטאָליער — האָט געאַרבעט אויף אַן אַנדער גאַס.

אַז דער טאַטע האָט אָפּגעגעסן, האָט יאַנקעלע אַריינגערוקט די האַנט אין קעשענע און אָנגעטאַפּט דעם עפּל. האָט ער אַ טראַכט געטאָן:

— דער טאַטע אַרבעט, פאַרדינט פאַר אַלעמען. דער עפּל געהערט צו אים.

און ער האָט דערלאַנגט דעם טאַטן דעם עפּל און האָט געזאָגט:

— נאַ, טאַטע, די מאַמע האָט דיר געשיקט אַן עפּל אויך!

— ווילסט אַ שטיקל ? — האָט דער טאַטע געפרעגט.

— ניין, איך האָב ערשט נישט לאַנג געגעסן — האָט יאַנקעלע געענטפערט.

דער טאַטע האָט פריינדלעך אַ קוק געטאָן אויף יאַנקעלען, צוגענומען דעם עפּל און באַהאַלטן.

צו אָוונטברויט האָט דער טאַטע אַרויסגענומען דעם עפּל און געזאָגט צו דער מאַמען:

— נאַ, נעם און פאַרזוך. מיר האָט זיך היינט נישט געוואָלט.

— ווי קומט צו דיר דער עפּל ? — האָט די מאַמע פאַרוווּנדערט געפרעגט. — זע, מירל, פּונקט אַזאַ, ווי איך האָב דיר היינט געגעבן.

מירל האָט אַ קוק געטאָן אויף יאַנקעלען, יאַנקעלע אויפן טאַטן, דער טאַטע — אויף יאַנקעלען, און אַלע האָבן גענומען דערציילן, ווי אַזוי דער עפּל איז יעדערן אָנגעקומען.

מע האָט דערציילט און געלאַכט.

—אַ וווּנדער־עפּל !

—יאָ, אַ וווּנדער-עפּל ביי אַזוינע וווּנדער־קינדער, ווי מיינע — האָט די מאַמע געזאָגט. און זי האָט גענומען אַ מעסער, צעשניטן דעם עפּל אויף פיר טיילן, און אַלע האָבן געגעסן דעם עפּל.

געגעסן און געלאַכט.

61. דעם זיידנס טאַבאַק־פּושקע.

זיידע, ווייז דיין טאַבאַק־פּושקע,
איך וויל אויך אַ שמעק.

„ניין, דו ביסט אַ שטיפער!" — זאָגט ער.
טראַכט איך: אַז דער זיידע ט׳שלאָפן,
קיינער וועט ניט זיין,
וועל איך אויף די שפיצן פינגער
אין זיין שטוב אַריין,
אויסזוכן די פושקע טאַבאַק
אין זיין לאַנגן ראָק,
אָנמעסטן די גרויסע ברילן,
אומגיין מיט זיין לאַנגן שטאָק.
טאַבאַק וועל איך קענען שמעקן,
וויפל נאָר איך וויל,
וועל איך אויסזען ווי אַ זיידע —
איי, אַ שיינע שפיל!
שאַ, דער זיידע מוז שוין שלאָפן,
בין איך ביי דער טיר;
שפאַן אַריין צו אים אין קאַמער,
ס׳הערט זיך נישט קיין ריר.
כאַפ איך זיידנס ראָק פון בעטל,
זוך דעם טאַבאַק אויס,
נעם דעם שטעקן און די ברילן,
און איך גיי אַרויס.
שטעל איך זיך אַקעגן שפיגל
אין דעם זיידנס ראָק,
מיט די ברילן אויף די אויגן,
אין מיין האַנט דעם שטאָק.
וויל איך עפענען די פושקע,
קען איך ניט, ס׳איז שווער;
רייס איך זי מיט אַלע כוחות,
דריי זי הין און הער.

ביז עס רייסט זיך אויף דאָס דעקל
מיט אַ גרויסן פּראַל;
פליט אין נאָז און אין די אויגן
טאַבאַק — ביטער גאַל!
האַפּטשי! האַפּטשי! זיידע! זיידע!
גיכער קום אַהער!
כ׳וועל נישט טאָן דאָס זעלבע מער!
קומט דער זיידע שנעל צו לויפן,
„האַפּטשי! וואָס איז דאָס?״
אוי, מיר ביטער אין די אויגן,
ביטער, דאָ אין נאָז!
„זעסטו?״ — זאָגט ער — ס׳ט נאַשן טאַבאַק,
אַז דער זיידע שלאָפט?״.
כ׳ווייס, איך בין געווען אַ שלעכטער,
בין איך שוין געשטראָפט...

62. מיין ליוסי.

סיי דער טאַטע, סיי די מאַמע
צו דער אַרבעט שוין אַוועק:
איז געבליבן איך און ליוסי —
איז נאָך ליוסי גאָר אַ שנעק,
וואָס איך טו נאָר, שלאָגט זי איבער.
אַרבעט האָב איך. דאָך אַ גוואַלד:
נאָך פאַרענדיקן דאָס וועגל
און צו פאָרן נאָך אין וואַלד.
נאָר מיין ליוסי שטערט די אַרבעט,
רייסט פון הענט מיר דאָס געצייג,
בין איך טאַקע ווי געפּענטעט,
ווי אַ פויגל אין אַ שטייג.

ליוסי, ליוסי, נאַ, אַ גלעקל,
נאַ, אַ קעסטעלע מיט קנעפּ!
קוק, עס וויינט דיין שיינע ליאַלקע,
זי איז געפאַלן אויף די טרעפּ.
שפּילט זיך ליוסי, שפּילט אַ ביסל.

איך פאַרענדיק דאָן מיין שפּאַן,
שוין דאָס פערד געצוימט אין וועגל
און דאָס בייטשל אויך פאַראַן.
איצטער, ליוסי, קום זיך זעצן,
קריך אין וועגל אָט־אָ־דאָ!
וויאָ! אין שטאָט צו טאַטע־מאַמען!
היידאַ, היידאַ, וויאָ!

63. אַ קאָאָפּעראַטיוו־הויז.

פריער האָבן מיר געוווינט אין אַ נאַסן, פינצטערן קעלער, אַנטקעגן פענצטער איז געשטאַנען אַ וואַנט.

איינמאָל איז דער טאַטע געקומען אַהיים אַ פריילעכער. ער האָט אונדז דערציילט, אַז ביי זייער פאַבריק האָט מען אויפגעבויט פאַר די אַרבעטער אַ קאָאָפּעראַטיוו־הויז. אַלע אַרבעטער, וואָס וווינען אין שלעכטע דירות וועלן אהין אַריבערפאָרן. דאָרטן וועלן מיר וווינען אין ליכטיקע צימערן.

ער האָט אונדז געזאָגט, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועלן מיר זיך אַהין אַריבערציִען.

אין דריי טעג שפּעטער איז צו אונדזער הויז צוגעפאָרן אַ גרויסער אויטאָ פון פאַבריק. דער טאַטע און מיין גרויסער ברודער האָבן אַראָפּגעטראָגן די זאַכן, אַרויפגעפּאַקט אויפן אויטאָ און געפאָרן צו דעם נייעם הויז.

אונדזער נייע דירה איז גרויס און שיין. עס איז פאַראַן עלעקטרע און אַ באַזונדער צימער צום באָדן זיך. ס'איז גוט צו וווינען אין אַזאַ גרויס, שיין הויז.

64. ווייל אַ באָבע איז אַזוי.

די באָבע קרעכצט — ווען קרעכצט זי נישט?
היינט — ווייל ס'טוט איר וויי דער קרייז.
נעכטן האָט זי געקרעכצט פאַר דאָס,
ווייל איך האָב זיך צעקלאַפּט די נאָז.
און פעלט איר היינט אַ ביסל זאָרגן,
באָרגט זי אויס אַ קרעכץ פון מאָרגן . . .

מערסטנס קרעכצט זי איבער מיר:
— אוי, ווי האַלט מען אויס פון דיר?
ס'איז קיין קינד נישט, נאָר אַ שד!
און אינדערפרי — איך ליג אין בעט,
קושט זי מיך און גלעט זי מיך,
און גיט אַ קרעכץ אַזוי אין זיך...
קום איך פון דער שול צוגיין
איז — מיר זאָל זיין פאַר דיין געביין.
נאָר ווייל איך זיך צעזינגען הויך,
קרעכצט זי ווידער: — ער שפּאַלט דעם מוח.
די באָבע קרעכצט ביי יעדער זאַך:
פאַרוואָס איך וויין, פאַרוואָס איך לאַך.
פאַרוואָס איך טאַנץ, פאַרוואָס איך לויף,
פאַרוואָס איך שטיי גאַנץ פרי נישט אויף.
און גלאַט אַ קרעכצל: — ווײַ און אוי —
ווייל אַ באָבע איז אַזוי...

65. דער זייגער.



אונדזער זייגער האָט איין פוס,
און ער וואַרפט זיך הין און הער.
און די הענטלעך אויף זיין פּנים,
פּונקט ווי קלינגלעך פון אַ שער,
זיינען שפּיציק, קליין און דין,
האַלטן זיי זיך אויף אַ שרויף.
אַז מען קוקט נישט רוקן זיי זיך:
איינס אַראָפּ און איינס אַרויף.
און ער רעדט צו זיך אַליין.
קיינער ווייסט דאָך ניט זיין שפּראַך:
טיק—טאַק, טיק—טאַק — און כּסדר
זאָגט ער אַלץ די זעלבע זאַך.
קיינמאָל רוט ער זיך נישט אָפּ,
נאָר ער קלאַפּט אַלץ טאָג און נאַכט.
אַז די מאַמע וואָלט מיך לאָזן,
וואָלט איך אים צורעכט געמאַכט...

66. אוי ווי גוט!

קאַפּ, קאַפּ, קאַפּ! — קאַפּעט דאָס וואַסער פון קראַן.
רותקע ליגט אין בעט און וויל נישט אויפשטיין.
דאָס וואַסער שטערט איר צום דרימלען, און זי איז פויל
אויפצושטיין און פעסטער צו פאַרדרייען דעם קראַן.
— ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט די נאַרישע
קראַנען? — טראַכט רותקע מיט כּעס.

נאָר דאָ האָט זי זיך עפּעס דערמאָנט. זי האָט געווײנט אין דער צײַט פון דער מלחמה אין אַ דאָרף. אַלע טאָג פלעגט מען מוזן גײן צום טײַך, אין אַ פראָסט, נאָך וואַסער. צום ברונעם איז געווען ווײַט. ווי שווער איז געווען צו שלעפּן די עמערס! און שפּעטער, ווען זײ האָבן געווײנט אין שטעטעלע, איז שוין אויפן הויף געווען אַ פּאָמפּע. ווי שווער אָבער עס איז געווען צו טראָגן די עמערס מיט וואַסער אויפן צווייטן שטאָק אַרויף. אין גאַנצן שטעטל איז קײן וואַסערלײטונג נישט געווען.

אָ, ווי גוט עס איז הײַנט! גײסט צו, גיסט אַ דרײ און נעמסט זיך וואַסער וויפל דו ווילסט און ווען דו ווילסט!

רוטקע שפּרינגט אַרויס פון בעט און פאַרדרייט דעם קראַן.

67. אײזיק מזיק.

גע׳קומען איז אײזיקל מזיק צו גײן
צו דער מאַמען אין קיך מיט אַ ביטער געווײן:
בו—הו און בו—הו און בו—הו און בו—הו!
צו דער מאַמען אין קיך מיט געווײן.
— וואָס ווײנסטו, מײן תכשיט, וואָס איז דיר, מײן קינד?
וואָס האָט זיך געטראָפן? נו, זאָג שוין געשווינד!
— בו—הו און בו—הו און בו—הו און בו—הו.
— נו זאָג שוין, נו רעד שוין געשווינד!
— דער פּאַ האָט גענומען צעקנאַקן אַ נוס
און האָט זיך דעם האַמער געוואָרפן אין פוס,
בו—הו און בו—הו און בו—הו און בו—הו —
דעם האַמער געוואָרפן אין פוס.

— איז וואָס, אַז דער פּאַ האָט געקריגן אַ זעץ,
האָסטו זיך צעוויינען געדאַרפט, בחורעץ?
קיין עין־הרע אַ בחור פון אַכט!
— בו—הו און בו—הו און בו—הו און בו—הו,
איך האָב נישט געוויינט — כ׳האָב געלאַכט.

68. דער עמער און דער קראַן.

קלאָגט דער עמער זיך און קלאָגט
— אוים! מען גייט שוין נישט נאָך וואַסער
פאַר אַ צווייטן און ער זאָגט:
ווי אַמאָל, נאָך גאָרנישט לאַנג,
ס׳איז אַ נייס אַרוים אַזאַ גאָר —
וואַסערלייטונג איז אין גאַנג!
פיל איז איצט די וועלט געוואָרן,
אָדער אפשר שוואַך און קליין;
ליפט דאָס טייכל, ווי משוגע,
אין די שטיבער גאָר אַליין...
און אַמאָל, כ׳געדענק ביים טייכל —
אַ געמיש פון קליין ביז גרויס;
אַלע שעפּן דאָרטן וואַסער
מיט געהילך און מיט געדויש.
איצטער קען איעדער שוטה,
אָדער גלאַט אַ פּוסטער פּראַנט,
איינס און צוויי דעם קראַן אַ דריי טאָן —
ס׳פליסט שוין וואַסער פון דער וואַנט!
ס׳איז די וועלט אַראָפּ פון זינען
זוכט אַלץ נייע, נייע מיטלען...
און די אָרעמע פאַר עמער
אויף אַ קראַן גאָר אויסגעביטן!...

69. ווען די ליאַלקעס רעדן.

די מאַמע גייט מיט ציוויעלען אַריין אין אַ קראָם פון שפּילצייג און הייסט זיך געבן אַ שיינע ליאַלקע.

דער פאַרקויפער קריכט אַרויף אויף דעם לייטער און נעמט אַראָפּ אַ סך קעסטעלעך, עפנט זיי אויף און זאָגט:

— קלייבט זיך אויס, וועלכע געפעלט אייך?

ציוויעלע ווייזט אָן אויף איינער און זאָגט:

— אָט די געפעלט מיר, מאַמע:

נעמט די מאַמע די ליאַלקע אין דער האַנט אַריין און בלייבט שטיין.

— דו הערסט די ליאַלקע וויינען?

— ניין.

— איך הער. דו ווייסט, וואָס זי וויינט? זי וויל נישט גיין צו דיר אַהיים. זי זאָגט, אַז איר שוועסטערל איז אַריינגעפאַלן צו דיר אין די הענט אַריין, האָסטו איר אויסגעריסן אַ האַנט און אָפּגעשניטן אַן אויער...

די מאַמע גייט צו צו אַן אַנדער פּאָליצע, וווּ עס שטייען אַ סך בלייענע זעלנערלעך, און בלייבט שטיין דערשראָקן:

— הער נאָר ווי זיי שרייען!...

— וואָס שרייען זיי?

— זיי זאָגן, אַז דו האָסט זייערן אַ חבר אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ און אויסגעגראָבלט די אויגן. זיי האָבן זיך דעריבער אַלע געגעבן אַ וואָרט, אַז קיינער פון זיי זאָל נישט איבערטרעטן דיין שוועל... פאַרפאַלן! איך וועל דיר שוין מוזן קויפן עפּעס אַנדערש.

און די מאַמע גייט צו צו אַ קעסטל, וווּ עס ליגן גרויסע קאָלירטע באַלן און זאָגט:

— קויפן דיר אַזאַ באַל, ציוויעלע ?

אָבער איידער ציוויעלע ענטפערט, בלייבט די מאַמע שטיין.

— הער נאָר דעם געוואַלד! זיי זיינען אויך אַלע בייז אויף דיר...

— פאַרוואָס? זיי זאָגן, אַז אַ חבר זייערער איז אַריינגעפאַלן צו דיר אין די הענט אַריין, האָסטו אים באַלד אויפן צווייטן טאָג אַרויפגעוואָרפן אויף אַ דאַך, וווּ ער איז אָפּגעלעגן אַ גאַנצן ווינטער אויף דער קעלט און שיִער נישט פאַרפרוירן געוואָרן.

— קויף־זשע מיר עפּעס אַנדערש!

אָבער די אַנדערע זאַכן האָבן אויך געוויינט און געבעטן, מען זאָל זיי נישט איבערגעבן ציוויעלען. דער פאַרקויפער נעמט זיך צו צעשטעלן די שפּילצייג אויף די פּאָליצעס.

ציוויעלע זאָגט דאַן מיט טרערן:

— מע קאָן איבערבעטן די ליאַלקעס?

דער פאַרקויפער שמייכלט און זאָגט: פאַרוואָס נישט? זאָג זיי, אַז דו וועסט זיי שוין מער קיין שלעכטס ניט טאָן און אָפּהיטן, אפשר וועלן זיי צוריק ווערן חבר מיט דיר.

ציוויעלע האָט אַזוי געטאָן, און די מאַמע האָט איר געקויפט אַ גרויסע, שיינע ליאַלקע, וועלכע זי היט שוין טאַקע אָפּ, אַזוי ווי אַ מאַמע היט אָפּ אַ קינדעלע.

70. פּייערלעשער.

לינג־אַ־לונג! לינג־אַ־לונג!
מיט אַ פייף און מיט אַ קלונג

קומען בראַווע פייערלייט.
שטעלט זיך אַלע אין דער זייט!
מיט די פּאָמפּעס, און מיט העק,
און מיט לייטערס — לאַנג אַ שרעק! —
קומען זיי אויף וואָגנס רויט,
פייער לעשן זיינען גרייט.
פון אַ פענצטער שפּאַרט אַ רויך,
שטעלט מען באַלד אַ לייטער הויך,
קריכן פייערלייט אין הויז
און זיי לעשן — פייער אויס.



71. אין קאָאָפּעראַטיוו.

איינמאָל רופט זיך אָן די מאַמע:

— ריוועלע, דער טאַטע וועט זיך היינט פאַרזאַמען ביי דער אַרבעט. וועסט אים אפשר צוטראָגן עפּעס עסן?

— גוט, מאַמע, — פרייט זיך ריוועלע — איך וויל טאַקע זען, ווי דער טאַטע אַרבעט.

— אָבער דו ווייסט וווּ דאָס איז ? — פרעגט די מאַמע.

— אַוודאי ! ווער ווייסט דאָס נישט, וווּ ס'איז דער שניידער־קאָאָפּעראַטיוו ? — זאָגט ריוועלע. זי נעמט אויף גיך דאָס קיישעלע מיט איבערביים און לאָזט זיך גיין.

דער קאָאָפּעראַטיוו „איניקייט", וווּ ריוועלעס טאַטע אַרבעט, פאַרנעמט אַ גאַנץ הויז אויף דעם מאַרקפּלאַץ. אונטן געפינט זיך אַ גרויס געוועלב, וווּ מען פאַרקויפט די פאַרטיקע מלבושים.

ריוועלע איז אַרויפגעגאַנגען אויפן ערשטן שטאָק. נאָך אויף די טרעפּ האָט זי געהערט אַ גרויס גערויש. ווען זי איז אַריין אין די וואַרשטאַטן, איז זי פון אָנהייב אַ ביסל דערשראָקן געוואָרן. אַזוי פיל מאַשינען האָט נאָך ריוועלע קיינמאָל נישט געזען. אין שורות, איינע הינטער דער אַנדערער, זיינען זיי געשטאַנען. ביי יעדער מאַשין איז געזעסן אָנגעבויגן אַ מענטש און געשטעפּט.

דאָ איז ריוועלעס טאַטע נישט געווען. איז זי געגאַנגען ווייטער. אין צווייטן זאַל זיינען געשטאַנען אַ סך טישן, גרויסע און קליינע. נעבן די טישן, אויף די טישן — אומעטום זיינען געזעסן אַרבעטער, מענער און פרויען, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, און איטלעכער האָט עפּעס גענייט און זיך צוגעזונגען.

אין דריטן צימער האָט מען געפּרעסט מיט עלעקטרישע פּרעסלעך. דאָ איז גאָר הייס געווען.

ערשט אין פערטן צימער, ביי די צושניידערס, האָט ריוועלע געפונען איר טאַטן.

אויף די טישן זיינען געלעגן צונויפגעלייגט אין שטויסן אַ סך שטיקער שטאָף. ריוועלעס טאַטע האָט געמאָסטן, געצייכנט מיט אַזאַ מין מאָדנע קרייד

און צוגעשניטן די סחורה אויף אָנצוגן. אָבער נישט מיט אַ פּראָסטער שער, נאָר מיט אַן עלעקטרישער מאַשין אַזאַ, וואָס האָט מיט איין מאָל געשניטן אפשר צוואַנציק שטיקער שטאָף.

דער טאַטע האָט דערזען ריוועלען און באַמערקט, ווי זי קוקט זיך אַזוי צו צו אַלץ.

— איך זע, עס געפעלט דיר! — אַט אַזוי אַרבעט מיר אין קאָאָפּעראַטיוו. אַלע צוזאַמען איז פריילעכער און בעסער. מ׳אַרבעט פאַר זיך און נישט פאַרן באַלעבאָס, ווי אַמאָליקע יאָרן.

— נו, גיי, טעכטערל! ווערסט זאָגן דער מאַמען, אַז כ׳וועל קומען מיט אַ שעה שפּעטער. מיר דאַרפן אויספאַרטיקן היינט אַ גרויסע באַשטעלונג.

72. פאָר איך מיר אין קינאָ

קלאַפּט דער טראַמוויי: טו-טו־טו!
פאָר איך מיר צום קינאָ צו.
ס׳איז צו פאָרן זייער ווייט,
דאָך געקומען צו דער צייט.
פינצטער ווערט אין קינאָ דאָ:
אויפן לייוונט פליט אַ קראָ,
מיקי־מייזל אויפן ים
טאַנצט זיך אויף די כוואַליעס סתם.
אוי, געוואַלט, ס׳אַ שיינע וועלט!
מענטשן לעבן אין געצעלט,
אויף די קעמלען קינדער רייטן, —
כ׳וואָלט זיך וועלן מיט זיי בייטן!



.73 די באַן.

גייט אַ באַן,
פֿאָרט אַ באַן,
איז אַוועקגעפֿלויגן —
וואַסער רויך
אין דער הויך
האָט זיך דאָרט געצויגן!
רעדט די באַן,
פּייפֿט די באַן,
הערט נישט אויף צו פּייפֿן:
פּו־פּו־פּאַ!
פּו־פּו־פּאַ! —
רעדט זי נאָר אין גראַמען. —
מיין מאַמאַ,
מיין פּאַפּאַ,
קען די שפּראַך פֿון באַנען.

74. שטייט אַ ייִנגעלע אין גאַס.

משהלע האָט פאַרבלאָנדזשעט. משהלע ווייסט נישט ווו אַהיימצוגיין. שטעלט ער זיך אַוועק און וויינט.

קומט איין מענטש, און נאָך אַ מענטש, און נאָך אַ סך מענטשן און פרעגן:

— וואָס וויינסטו, ייִנגעלע?

משהלע שטייט אַראָפּגעלאָזט דאָס קעפּל, וויינט און ענטפערט נישט.

קומט אָן אַ פרוי, גיט זי משהלען אַ צוקערל און גלעט אים איבערן קאָפּ.

— זאָג, ייִנגעלע, וואָס וויינסטו?

משהלע נעמט דאָס צוקערל אין מויל אַרײַן, סמאָטשקעט און וויינט, וויינט און ענטפערט נישט.

— אפשר ווייסטו נישט ווו אַהיימצוגיין?

משהלע שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

נעמט מען משהלען אויספרעגן:

— ווו וווינסטו?

— אין שטוב.

— ווו איז די שטוב?

— ביי דער מאַמען.

— ווי הייסט דיין מאַמע?

— חיה.

— ווי נאָך?

משהלע ווייסט נישט.

דערווייל זעט אַ מיליציאַנט, עס שטייען אַ סך מענטשן. קומט ער צו און פרעגט, וואָס איז דאָ געשען. זאָגט מען אים:

— אַ ייִנגעלע האָט פאַרבלאָנדזשעט.

גייט ער צו צום יינגעלע, נעמט אים פאַרן הענטל און פרעגט אים: — אויף וואָסער גאַס וווינסטו?

משהלע הייבט אָן שטאַרקער צו וויינען. נעמט דער מיליציאַנט משהלען פאַרן הענטל און פירט אים אַרום איבער אַלע גאַסן.

— דאָ וווינסטו?

— ניין.

— דאָרט וווינסטו?

— אויך נישט.

— פאַר דיין שטוב גייט אַ טראַמוויי?

— יאָ.

— וואָסער טראַמוויי — אַ ווייסער, צי אַ גרויער? אַזעלכער, וואָס גייט דאָרט?

— אַזעלכער.

נעמט ער משהלען אַרויף אויף אַ טראַמוויי און פאָרט מיט אים אַרום.

פאָרט מען גאַס־אויס, גאַס־איין. משהלע זיצט בײַם פענצטער און קוקט אַרויס אַ טרויעריקער, אַ פאַרוויינטער. אָבער פּלוצעם טוט ער אַ שפּרונג אויף פון פרייד און שרייט אויס: — דאָ וווין איך!

שטעלט מען אָפּ דעם טראַמוויי. משהלע גייט אַראָפּ און לויפט אַריין גלייך אין שטוב אַריין.

75. אונדזער קראָם.

ריוועלע האָט ליב צו גיין מיט דער מאַמען איינקויפן. זי נעמט מיט אַ קיישעלע און העלפט פאַרטראָגן די זאַכן אַהיים. בשעת די מאַמע קויפט איין, קוקט זיך ריוועלע גוט צו, וואָס עס טוט זיך אין קראָם. זי באַטראַכט

אַלע פּאָליצעס, וואָס זיינען אָנגעשטעלט מיט פאַרשידענע פּושקעס, סלאָיקעס, בייטלען און פלעשער, מעל און צוקער, גרויפּן און זאַלץ, קאַווע, טיי, עסיק, ווײַן — אַלץ איז דאָרט דאָ.

ריוועלע האָט זייער ליב צו קוקן, ווי מע וועגט די סחורה.

די וואָגשאָלן טאַנצן, איינע אַרויף, איינע אַראָפּ. די פאַרקויפערין שיט צו נאָך אַ ביסעלע אין בײַטעלע, ביז זיי גלײַכן זיך אויס.

— ביטע, אַ קילאָ צוקער. וואָס נאָך געבן אײַך?

דערנאָך צאָלט מען איין אין קאַסע און שוין.

איינמאָל האָט ריוועלע געפרעגט בײַ דער מאַמען:

—פאַרוואָס קויפסטו שטענדיק נאָר אין דער קראָם?

די מאַמע האָט געענטפערט:

— ווײַל דאָס איז אונדזער אייגענע קראָם. זי געהערט צו אַלע, וואָס קויפן דאָ — עס איז אַ קאָאָפּעראַטיוו־קראָם.

א ווייסע וועלט

76. ווינטער.

נאָכן זומער קומט דער ווינטער,
קומט דער ווינטער און באַשפּינט ער
שטיבער, באַרג, און מאַרק, און פלויט
אין אַ שנייק־ווייסן קלייד.
קינדער לויפן אויף די גליטשן,
מאַכן קונצן, הילכן, קוויטשען,
און דאָס אייז איז בלוי און ווייך,
ווי דער הימל אין דער הייך.
קינדער אין די גרויסע היטלעך
פליען באַרג־אַראָפּ אויף שליטלעך
מיט אַ פייף און אַ געשריי,
קוליע, קוליע — און אין שניי.

77. אַ מעשׂה פֿון אַ ייִנגעלע און אַ שניימענטש.

ס'איז די מעשׂה איינס אַזויגס, פֿון אַ ייִנגעלע אַ קליינס, נאָר אַ שטיפֿערל אַ גרויס, וואָס קערט איבער מאַמעס הויז. שטענדיק פֿול מיט אים די גאַס, און כּסדר זוכט ער שפּאַס. זומער ליגט ער גאָר אין פּאַרק, און נאָך ווינטער בענקט ער שטאַרק. איי, דער ווינטער מיט די שנייען, ס'איז זיך דאָ מיט וואָס צו פֿרייען! ס'איז זיך דאָ מיט וואָס צו שפּילן! מיט די שליטלעך ביי די מילן. מיט די גליטשערס אויפֿן אייז, — ווינטער־ליב און ווינטער־וויים!

נו, איז ווינטער, זאָגט אַליין, ווער פֿון אייך וויל לערנען גיין? איז מיין ייִנגעלע אַ ברען, טוט ער ווינטער וואָס ער קען. טוט ער ווינטער וואָס ער וויל, און ער לערנט זיך נישט פֿיל. ס'איז דאָך אָבער גאָרנישט שיין, מע דאַרף דאָך פֿאָרט זיך לערנען גיין. נעמט ער איינמאָל זיינע ביכער, און ער לאָזט אין שול זיך גיכער. און אין גאַס — דער שניי ער בלענדט, ער בעט זיך פּשוט אין די הענט: „נעם און שפּיל און טו און מאַך!"

טראַכט נישט ייִנגעלע קיין סך, גלעט די ביכער, רעדט צו זיי: מאַכן מיר אַ מענטש פֿון שניי? און טאַקע באַלד נישט לאַנג געטראַכט און אָן אָנהייב גלייך געמאַכט.

אַרבעט ער אַזוי־אַ פֿלייסיק, אפֿשר אַ מינוטן דרייסיק, צי גאָר אַ שעה און אפֿשר מער — ס'איז די אַרבעט אים נישט שווער. ביז עס ווערט אַ שניימענטש פֿאַרטיק. זעט ער אויסעט גאָר גרויסאַרטיק! זיינע פֿיס, ווי גרויסע פֿעסער, און דער בויך, דער בויך נאָך גרעסער! און דער קאָפּ — אוי־וויי אַ קאָפּ! — ווי דער

מאַמעס גרעסטער טאָפּ! פּאַר אַ נאָז אַ גרויסער פלאָקן — אַ בער אין וואַלד וואָלט זיך דערשראָקן. פּאַר צוויי אויגן — שטיקער קויל, און אַ טיפע לאָך — דאָס מויל. און ער שטעלט אַריין אים ציינדלעך — זיינע בעסטע מירמל־שטיינדלעך. ער הענגט אים אָן דעם פּאַק מיט ביכער, און ער זאָגט: „נו, שניימענטש, גיכער! אַ פּיכל הייב און גיך אַ ריר! אין שול זיך לערנען גיי פאַר מיר".

ווי ער זאָגט דאָס לעצטע וואָרט, רירט דער שניימענטש זיך פון אָרט. טוט צום יינגל זיך אַ רוק, טוט אויף אים אַ מאָדנעם קוק. גיט אַ נעם אים פאַר דער האַנט און צו דער שול דער שניימענטש שפּאַנט. שפּאַנט און ווייזט די מירמלציין, ביז מען קומט אין שול צו גיין. פירט דאָס יינגל טרעפּ־אַרויף, עפנט ברייט די טירן אויף, טוט אַ פינטל מיטן אויג, גיט צום יינגל זיך אַ בייג, גיט אים אַלע ביכער אָפּ, לאָזט זיך פון די טרעפּ אַראָפּ, און שטעלט זיך וואַרטן אויפן גאַס, ביז דאָס יינגל קומט פון קלאַס. אונדזער יינגל קוקט און שטוינט: האָט זיך אים דאָס אַלץ געלוינט? אַז קיין מזל איז נישטאָ, מוז מען לערנען אַ פּאָר שעה. ער אַליין אין דעם איז שולדיק, לערנט יינגעלע געדולדיק.

אָפּגעלערנט פיין און שיין, לאָזט אַהיים זיך יינגל גיין. ווי ער גייט פון שול אַרויס — ערשט דער שניימענטש, ווייס און גרויס, נעמט אים ווידער פאַר אַ האַנט און אַהיים מיט אים ער שפּאַנט. טראַכט זיך יינגל: אוי, ס'איז שלעכט! דאָס איז גאָרנישט־נישט גערעכט!

און ביז זיי קומען צו צום הויז, טראַכט אַ פּלאַן דאָס יינגל אויס, און ער זאָגט צום שניימענטש שטיל: ווייסטו, שניימענטש, וואָס איך וויל? הער זיך איין און זאָג אַליין:

דאַרפסט אין גאָס נישט בלייבן שטיין. קום מיט מיר אין שטוב אַריין, וועסט אַ גוטער גאַסט דאָ זיין. כ'וועל דיך מאַכן זיסע טיי — קום אין שטוב, מיין פריינד פון שניי!

נו, אַ שניימענטש איז דאָך גוט, — גייט אין שטוב אויף אַ מינוט. פירט ער אים אין קיך אַריין, הייצט אויף גיך דעם אויוון איין, זאָל דעם שניימענטש וואַרעם זיין. גיט אים לעקעך, גיט אים ווייַן, גיט אים איינגעמאַכטס אַ טעפל, דריי מאַראַנצן, אַ פּאָר עפּל. עסט דער שניימענטש, עסט און קוויקט זיך און דאָס ייִנגל קוועלט און שטיקט זיך. און דאָס פייער ברענט און קנאַקט, און דער אויוון ברענט און באַקט. הייבט דער שניימענטש אָן צו שוויצן, קען אין קיך שוין מער נישט זיצן. נעמט ער הוסטן, נעמט ער ניסן, ביז דער שניימענטש שנעל און גיך, ווערט צעשמאָלצן דאָ אין קיך.

ווערט צעשמאָלצן, ווערט צעגאַנגען, —
ס'איז די מעשה אויסגעגאַנגען.

78. אַ ווינטער־מעשה.

לויפט אַרום אַ בער אין וואַלד,
אָט־אָ איז שוין ווינטער באַלד,
ווינטער, ווינטער, ווינטער גייט!
און דער וואַלד איז אָן אַ קלייד,
און אַ פויגל אָן אַ נעסט,
גאָר אַ נאַקעטער פּאַר פרעסט,
אין אַזאַ מין גרויסן, גרויסן,
קאַלטן ווינטיקן אינדרויסן,
הוילערהייט, אָן אַ קלייד!
שטעלט זיך בער ביים ברעג אַוועק,

ביידע לאַפּעס אויסגעשטרעקט:
פּעטער שנייער
כ׳בעט דיך זייער —
ס׳איז דעם וואַלד שרעקלעך קאַלט,
שיק אַראָפּ אַ צודעק באַלד!
פליט דער פּעטער שנייער, פליט ער,
שיט ער, שיט ער, שיט ער, שיט ער.
פוך און פוך — אָן אַ ברעג,
באַלד דער וואַלד שוין צוגעדעקט.
לויפט צוריק אין וואַלד דער בער,
פריילעך, דריילעך הין און הער —
ס׳פאַלט דעם וואַלד אַ קלייד אויף ווינטער!
לויפט דער בער און באַלד פאַרשווינדט ער...
וווהין איז ער אַנטלאָפן? —
אַוועק זיך לייגן שלאָפן.

79. אין וואַלד.

פאַלט אַ רעגן אין אַ שוואַרצן וואַלד, שטייען די ביימער זייער טרויעריק. דער רעגן איז געפאַלן דריי טעג און דריי נעכט, איז געוואָרן פול טייכלעך, טייכלעך אומעטום.

זיינען די ביימער געשטאַנען, געקוקט אין די טייכלעך און געזען זיך אַליין, ווי זיי שטייען אַזוינע נאַקעטע.

איז קיינער נישט געקומען אין וואַלד. אַ חוץ איינמאָל איז אַ וואָלף אַ בייזער אַרויסגעלאָפן פון זיין באַהעלטעניש, אַ וואָיע געטאָן איין מאָל און צווי מאָל און איז באַלד אַנטלאָפן ערגעץ־ווו. אַ וועוורקל איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ בוים, געזוכט אַ נוס, געזוכט

געשטערט און נישט געפונען. האָט עס זיך צעווײנט, אויסגעווײנט זיך, איז עס צוריק אַראָפּגעקראָכן פון בוים און איז אויך אַנטלאָפן.

אין ווייטער שטיל אין וואַלד, פאַלט אַ רעגנדל, שטייען די ביימער און זיינען טרויעריק.

אויפן פערטן טאָג איז אַ קאַלטער ווינט אָנגעקומען, פאַרטריבן דעם רעגן אין ים אַרײַן, געמאַכט פאַרפרוירן די טייכלעך, דערנאָך האָט זיך דער ווינט באַזעצט אויף אַ הויכן בוים און אָנגעהויבן אויסצופייפן לידער. זיינען געשטאַנען די ביימער און זיך איינגעהערט אין די לידער, און זיינען געווען זייער צופרידן. אַזוי האָט דער ווינט אויסגעפייפט זיינע לידער ביז ביינאַכט. ביינאַכט איז דער ווינט אויף עמעצן בייז געוואָרן און האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו קאָמאַנדעווען. ער האָט די ביימער אָנגעטאָן גרויסע צרות. ער איז געפלויגן מיט אַ שטורעם איבערן וואַלד, געבראָכן די צווייגן, געבויגן די ביימער ביז צו דער ערד. געשריגן, געוואַלדעוועט און געוואָיעט, ווי אַ בייזע חיה.

האָט ער אַזוי געוואָיעט ביז די נאַכט איז אָנגעקומען. איז געוואָרן פינצטער, דער ווינט איז מיד געוואָרן הוליען און האָט זיך באַרויקט. האָבן זיך די ביימער אויך באַרויקט און זיינען אַנטשלאָפן געוואָרן. אָבער אין שלאָף הערן זיי, ווי פליגל רוישן און ס׳חלומט זיך זיי אַזאַ שיינער חלום:

ס׳קומט עפּעס אַ קאַלטס און ווייכס, נעמט זיי אַרום, האַלדזט זיי, קושט זיי און זאָגט זיי אַזוי: נייע קליידער וועט איר האָבן, אַ גאָלדענע זון וועט שיינען, וועט איר זיין אויסגעפוצט, ווי חתנים, און וועט שמייכלען צו דער ליכטיקער זון.

איז דער חלום פּלוצלינג איבערגעהאַקט געוואָרן.

ווייל עמעצער האָט אָנגעהויבן צו קראַקען און צו שרייען: קוקט, ווי זיי פּאָפּן. פוילע וואָס איר זייט, איר זעט דען נישט עפּעס? אַנו, עפנט די אויגן.

עפּענען די ביימער זייערע אויגן און קענען גאָרנישט קוקן, אַזוי ווייס איז געווען. ווייס אומעטום. גיבן זיי אַ קוק יעדער אויף זיך: אָך, אַזוינע שיינע ווייסע קליידער. איז געוואָרן פריילעך, איז אַרויס אַ גאָלדענע זון אויפן הימל. האָבן געקראַקעט די שוואַרצע פייגל און געזאָגט איינס צום אַנדערן: אַיאָ, ס׳איז גוט? אַיאָ, ס׳איז גוט? ווייס, ווייס, ווייס....

80. שניי.



ווינטער, ווינטער איז געקומען
און ער האָט די וועלט באַנייט,
ווו אַ וועג און ווו אַ שטעגל
אויסגעשפּרייט מיט ווייסן זייד.

לאָמיר איינשפּאַנען אַ שליטן
און זיך לאָזן איבערן פעלד,
און די גלעקלעך זאָלן קלינגען
זינגען פון דער ווייסער וועלט.

מאַכט נישט אויס: נישטאָ קיין פוטער —
טו אָן אַלעס וואָס דו האָסט!
שעם זיך נישט — נעם נאָך אַ טיכל,
ווייל עס ברענט אַצינד דער פראָסט...

נאָר זאָל הילכן דאָס געלעכטער
טראָגן, יאָגן זאָל דאָס פערד;
און מיט אונדזער פרייד באַלעבט זיין
זאָל די ווינטערדיקע ערד.

81. יאָסלס שליטעלע.

יאָסל האָט אַ גוט שליטעלע, אַ נייס, אַ גרינגס. גיב עס נאָר אַ שטופּ, פליט עס גאָר אַליין. יאָסל איז אַרויס אויף דער גאָס מיט זיין שליטעלע. צו אים איז צוגעלאָפן ווילי און בעט:

— פיר מיך, יאָסל, אַ ביסעלע. דערנאָך וועל איך דיך פירן.

— פיר דו מיך פריער, — ענטפערט יאָסל.

— נו, גוט.

ווילי האָט זיך איינגעשפּאַנט אין שליטעלע. יאָסל טרייבט אָן. ווילי פּרוּווט לויפן וואָס גיכער, ווי אַן אמת פערד. ער הייבט די פיס, קלאַפּט, הירזשעט.

ווילי האָט זיך שטאַרק פאַרמאַטערט. ער האָט דערפירט יאָסלען ביזן עק גאָס.

— נו, איצט פיר דו מיך, יאָסל — זאָגט ווילי.
— אַוודאי, גערפונען אַ נאַר, — ענטפערט יאָסל.
ער האָט זיך צעלאַכט און איז אַנטלאָפן.
ווילי איז געבליבן שטיין. אין די אויגן האָבן זיך אים באַוויזן טרערן.
יאָסל איז אָפּגעלאָפן אַ ביסל און האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צוריק. ער זעט: ווילי שטייט און וויינט. יאָסל איז אַ ווײַלע געשטאַנען. דערנאָך...



82. אויפן גליטש.

גליטשן, גליטשן, גליטשן ווידער, —
וואַרעם ווערט אין אַלע גלידער,
פלאַם אין בעקלעך, קראַפּט אין הענט,
אין די אויערן — פײַער ברענט!

מיט אַ שליטל, אָן אַ שליטל,
אויף די קני, צי אויפן היטל,
העי, אַלציינס! און יאָט נאָך יאָט,
גליטש איז אויסגעגאָסן גלאַט!

פראָסט האָט ליב צו זײַן אינדרויסן,
פראָסט האָט ליב אַ גליטש אַ גרויסן,
פראָסט האָט ליב, אַז מ'איז נישט מיד —
הער, לכבוד פראָסט אַ ליד!

83. אַ גוטער פרײַנד.

יאָסעלע זיצט בײַם פענצטער און קוקט ווי עס פאַלן ווײַסע פליטערלעך.

— ווי שיין עס איז אינדרויסן! פאַרוואָס לאָזט מיך נישט די מאַמע אַרויסגיין אויף דער גאַס און זיך שפּילן?

פלוצעם האָט אַ פייגעלע אַ קלאַפּ געטאָן מיט די פליגעלעך אין שויב און איז אַוועק.

גלײַך איז עס געקומען צוריק און געזעצט זיך אויפן ברעטל פון פענצטער. יאָסעלע האָט געקוקט אויפן פייגעלע, און דאָס פייגעלע אויף אים.

— מאַמע, קום איך וועל דיר עפּעס ווײַזן, — האָט שטיל געזאָגט יאָסעלע.

— די מאַמע איז צוגעקומען, און זיי האָבן ביידע געקוקט אויף דעם פאַרפרוירענעם פייגעלע.

— עס איז מסתמא הונגעריק, מען דאַרף דעם געבן עסן.

— עס וועט אַנטלויפן.

— ס'מאַכט נישט אויס. ס'וועט אָבער באַלד קומען צוריק. יאָסל איז אַוועק אין קיך און געבראַכט ברעקלעך ברויט, געעפנט דאָס פענצטער, אַוועקגעלייגט די ברעקלעך און געוואַרט. דאָס פייגעלע איז געזעסן אויפן בוים און געצווויטשערט: טשיריק! טשיריק!

—עס דאַנקט מיר, — האָט אַ טראַכט געטאָן יאָסעלע און פאַרמאַכט דאָס פענצטער.

פון יענעם טאָג אָן פלעגט יאָסעלע לאָזן אַלע ברויט־ברעקלעך אויפן פענצטער־ברעטל, און דאָס פייגעלע פלעגט קומען עסן.

שפּעטער האָבן זיך וועגן דעם דערוווּסט נאָך אַנדערע פייגעלעך, און זיי פלעגן אויך קומען עסן.

יאָסעלע קוקט ווי די פייגעלעך עסן און קוועלט.

84. רויטאַרמייער.

אויף די פעלדער זייען זייער,
אויף די פעלדער שנײַדן שניטער;
ביי דער גרענעץ רויטאַרמייער
שטענדיק וואַכן, טרייע היטער.

אַרבעטער פון די פאַבריקן,
אַרבעטער פון די זאַוואָדן
גרוסן צו די היטער שיקן
און געווער, גוט אָנגעלאָדן.

רויטאַרמייער שפּאַנען, רייטן,
רויטאַרמייער גוט באַהיטן
די וואָס זייען, די וואָס שנײַדן,
די וואָס בויען, די וואָס שמידן.

איבער ברייטן, איבער וויטן
רויטאַרמייער שפּאַנען, רייטן,
רויטאַרמייער וואַכן, היטן
אויף דער גאַנצער וועלט דעם פרידן.

85. פון לענינס קינדער־יאָרן.

וולאַדימיר לענין (אוליאַנאָוו) איז געבוירן געוואָרן אין סימבירסק, ביים טייך וואָלגאַ.

איצט הייסט די שטאָט אוליאַנאָווסק.

דער קליינער וואָלאָדיע פלעגט ליב האָבן צו שפּילן זיך מיט זיין יינגערער שוועסטער אָליע. ביידע זיינען זיי געווען לעבעדיקע און פריילעכע.

לייענען האָט אים אויסגעלערנט זיין מאַמע, ווען ער איז נאָך אַלט געווען 5 יאָר. ער איז געווען אַ פעיקער און פלייסיקער צום לערנען.

וואָלאָדיאַ האָט אויך ליב געהאַט אַ סך צו לייענען. אין שול איז ער געווען דער בעסטער שילער.

גאָר יונג איז לענין געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער. ער האָט אָנגעפירט מיט דעם קאַמף פון די אַרבעטער און פויערים אין רוסלאַנד קעגן צאַר, קעגן די פריצים און פאַבריקאַנטן.

לענין איז געוואָרן דער פירער פון די באָלשעוויקעס, דער פירער, פריינט און לערער פון די אַרבעטנדיקע פון דער גאַנצער וועלט.

86. חבר סטאַלין, איך לערן זיך גוט!

וואָס מאַמלאַקאַט דערציילט.

איך בין אַ פּיאָנערקע פון אַ דאָרף אין סטאַלינבאַדער געגנט. איך בין אַלט 12 יאָר. איך לערן זיך גוט און האָב פון אַלע לימודים נאָר פינפן. אונדזער דאָרף פאַרנעמט זיך מיט באַוול־קולטור. בשעת די פעריען, אָדער נאָך די לימודים, העלף איך איינעם מיט אַנדערע פּיאָנערן

צו קלייבן באַנוול. אין דאָרף האָט מען געגלויבט, אַז יעדער מענטש קאָן צונויפנעמען 20 קילאָגראַם באַנוול אַ טאָג.

אָבער אָט איז מיר געלונגען אַראָפּצונעמען כּמעט הונדערט קילאָגראַם אַ טאָג. ווי אַזוי איז עס געשען, וואָס איך האָב אַראָפּגענומען אַזוי פיל באַנוול? זייער פּשוט: די גאַנצע וועלט האָט אַראָפּגענומען באַנוול מיט איין האַנט, און דער צייט וואָס איך האָב אים אָפּגעקלויבן מיט ביידע הענט.

ווען מען האָט אויסגעקליבן אַ דעלעגאַציע פון די פּלייסיקע פויערים און פויערטעס פונעם דאָרף צו פאָרן קיין מאָסקווע, בין איך אויסגעקליבן געוואָרן צווישן די געשיקטע.

און אַזוי האָב איך זיך געלאָזט מיט די איבעריקע חברים קיין מאָסקווע.

איך גלייב, אַז דעם טאָג פון 4־טן דעצעמבער 1935 וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אין יענעם טאָג האָב איך געזען דעם חבר סטאַלין. ער האָט מיך פריינטלעך באַגריסט און מיך געפרעגט מיט אַ שמייכל:

— וואָס מאַכסטו עפּעס, מאַמלאַקאַט? ווי אַזוי לערנסטו זיך?

איך האָב אים געזאָגט, אַז איך לערן זיך גוט, איך האָב דערציילט און געקוקט אויף אים די גאַנצע צייט, אויפן חבר סטאַלין. איך האָב אים אַזוי פיל מאָל געזען אויף די בילדער, אָבער איצט האָב איך אים געזען אויף אַן אמת.

איך האָב געבראַכט פאַר אים אַ מתנה — אַ ביכל.

איך האָב אים דערלאַנגט דאָס ביכל, אָבער כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז כ'האָב פאַרגעסן אָנצושרייבן אויף דעם אַ ווידמונג; כ'האָב אַ זאָג געטאָן:

— חבר סטאַלין, איך בעט דיך, גיב מיר צוריק אויף אַ רגע דאָס ביכל, איך האָב פאַרגעסן אָנצושרייבן די ווידמונג.

חבר סטאַלין האָט מיר צוריקגעגעבן דאָס ביכל, און איך האָב אויף דעם אָנגעשריבן: „חבר סטאַלין, איך לערן זיך גוט". און אונטן האָב איך זיך אונטערגעשריבן.

חבר סטאַלין האָט מיך גענומען אויף די הענט, האָט מיך געקושט און מיר געגעבן זיינס אַ בילד, אויף וועלכן ער האָט אָנגעשריבן:

„מאמלאקאטן — פאַר פלייסיקייט".

דאָס דאָזיקע בילד איז די טייערסטע און שענסטע מתנה, וועלכע איך האָב ווען עס איז באַקומען. איך רעכן זיך פאַר דעם גליקלעכסטן מיידעלע, ווייל איך האָב באַקומען אַזאַ מין מתנה.

87. אַ גרויסער יום־טוב.

מען גרייט זיך צום יום־טוב פון דער רויטער אַרמיי. די קינדער באַפּוצן דעם זאַל און די קלאַסן מיט בלומען און בילדער.

נחמנקע קאָן שיין צייכענען, גרייט ער צו אַ פּלאַקאַט. עטלעכע קינדער האָבן זיך אַרומגעשטעלט און קוקן זיך צו, ווי ער מאָלט.

ער האָט אָנגעצייכנט אַ רויטאַרמייער. אין דער האַנט טראָגט ער אַ גרויסע, רויטע פאָן מיט אַ פינף־עקיקן שטערן. אונטן איז אָנגעצייכנט:

זאָל לעבן די רויטע אַרמיי!

זאָל לעבן דער ראַטנפאַרבאַנד!

דער ערשטער רופט זיך אָן יאָסל:

— מיר זיינען געווען אין ראַטנפאַרבאַנד.

די קינדער צערעדן זיך. כמעט אַלע זיינען געווען אין ראַטנפאַרבאַנד בשעת דער מלחמה. הערשלס טאַטע האָט געאַרבעט אין אַ פאַבריק, ווו מע האָט געמאַכט ביקסן. בלומעס מאַמע איז אַ שניידערקע — זי האָט גענייט אָנטאָן פאַר די רויטע אַרמייער, און גיטעלעס עלטערן זיינען געווען אין אַ דאָרף, האָבן זיי געהאָלפן אויפן פעלד. יאָסלס טאַטע איז אַליין געווען אין דער רויטער אַרמיי, יאַנקעלעס טאַטע איז געווען אין דער פוילישער אַרמיי.

ווען די רויטע אַרמיי האָט פאַרטריבן די דייטשן און צוזאַמען מיט דער פוילישער אַרמיי באַפרייט פוילן, זיינען אַלע צוריקגעקומען פון ראַטנפאַרבאַנד.

משהלען מיט זיין מאַמען האָט די רויטע אַרמיי באַפרייט פון דייטשישן לאַגער.

איטלעכער האָט וואָס צו דערציילן.

נאָר שרהלע שווייגט פאַרקלערט.

זי דערמאָנט זיך עפּעס.

88. שרהלע דערמאָנט זיך.

זי איז נאָך אַ קליינינקע געווען. זיי האָבן געוווינט אין אַ דאָרף אין אַ ווייטן קאַנט אין ראַטנפאַרבאַנד.

אַ הייסע זון האָט שטענדיק געשיינט, און בלוי איז שטענדיק געווען דער הימל.

נאָר שרהלען איז זייער טרויעריק געווען. דער טאַטע איז שוין לאַנג נישטאָ — ער האַלט מלחמה מיט די שלעכטע דייטשן. די מאַמע איז אַ גאַנצן טאָג אין פעלד און קלייבט דעם באַוול.

זיצט אַזוי שרהלע אין אַ פאַרנאַכט נעבן שטיבל,

און קוקט אויס די מאַמע, עפּעס קומט זי היינט נישט. אַזוי שפּעט. שרה׳לע צעוויינט זיך אויף אַ קול — אַזוי איז איר אומעטיק געוואָרן.

פון אַנטקעגנדיקן הייזל קוקט אַרויס אַ קעפּל. באַלד באַווייזט זיך אַ מיידעלע. פּונקט אַזאַ ווי שרה׳לע, אויך אַ שוואַרצינקע. נאָר די צעפּלעך זיינען לענגער און דינינקע אַזעלכע, פון אונטערן קליידעלע קוקן נאָך אַרויס קאָלירטע הויזלעך.

דאָס מיידעלע גייט פּאַוואָליִנקע צו, זעצט זיך שטיל אַוועק אויף די איינגעבויגענע קני־עלעך און קוקט שרה׳לען גלייך אין די פאַרטרערטע אייגעלעך.

שרה׳לע האָט זיך נישט איבער־געשראָקן. זי האָט גאָר אויפגעהערט וויינען, אַזוי גוט האָט דאָס מיידעלע אויף איר געקוקט.

דאָס מיידעלע האָט זיך די ערשטע אָנגערופן:

— זאַירא, — האָט זי געוויזן מיט אַ פינגערל אויף זיך, — איך זאַירא. ווער דו ?...

שרה׳לע האָט גלייך פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט.
— איך הייס שרה׳לע — האָט זי געזאָגט.

דאָס פרעמדע מיידעלע האָט עטלעכע מאָל איבערגעזאָגט, אַלעמאָל שטאַרקער:

—־סאַראַ, סאַראַ... זאַיראַ — סאַראַ, סאַראַ, — זאַיראַ, — און זי האָט זיך פריילעך צעלאַכט.

שרהלע האָט אויך געשמייכלט.

זיי זיינען געוואָרן גוטע פריינט.

שרהלען איז שוין נישט געווען אַזוי אומעטיק ווי פריער. זאַיראַ פלעגט יעדן טאָג קומען צו איר. זי האָט איר געוויזן שיינע זאַכן: ווו ס'בליט דער אורוק, און ווו ווייַנטרויבן וואַקסן. און אַז ס'איז גאָר הייס געוואָרן, פלעגן זיך די קינדער פאַרקלייבן צום אַריק, צום שמאָלינקן טייכעלע, וואָס איז געלאָפן אַרום דאָרף. זיי האָבן זיך געפּליוסקעט אין קילן וואַסערל, זיך געשפּילט ביז די גרויסע זיינען געקומען פון פעלד...

זיי האָבן זיך שטאַרק ליב געקריגן, סאַראַ און זאַיראַ, אין די פּאָר יאָר. ווען שרהלע האָט געדאַרפט אַהיים פאָרן, האָבן זיי ביידע גוט געוויינט. און נאָך איצט בענקט שרהלע נאָך איר גוטער קליינער זאַיראַ. זי איז שוין אויך אַ גרויסע און לערנט זיך שוין געוויס, ווי זי, אין שול, דאָרט אין הייסן אוזבעקישן דאָרף.

89. פריינדשאַפט.

ס'איז געווען אַ שיינער זונטיקדיקער פרימאָרגן. די נייעס, אַז דער טייך האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט. יינגלעך זיינען געלאָפן צום טייך פון אַלע עקן שטאָט. זיי האָבן אויספּרובירט דאָס אייז און געוואָרפן אויף אים שטעקנס און שטיינער.

— ווי דיק דאָס אייז איז שוין, — האָט געזאָגט אַורעמל — קומט וועלן מיר זיך גליטשן!

— וואַרט נאָך, — האָט וואַצעק זיך אַריינגעמישט, —מען מוז נאָך היינטיקן טאָג איבערוואַרטן, מאָרגן וועט דער גאַנצער טייך זיין פעסט פאַרפרוירן.

— הערט נישט, וואָס ער זאָגט אייך. אָט נעמט אַ ציגל און וואַרפט אַריין אינמיטן טייך, וועט איר זען, אַז דאָס אייז איז שוין שטאַרק, — האָט אַוורעמל געטענהט און אַ וואָרף געטאָן אַ ציגל. דאָס אייז האָט אויסגעהאַלטן דעם קלאַפּ. אַלע יינגלעך אויסער וואַצעקן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַ קוויטש און צעלאָפן זיך גליטשנדיק איבערן טייך.

דאָס אייז איז געווען זייער גליטשיק, און יאָסל איז געפאַלן, שטיפנדיק האָט זיך אין אים פאַרטשעפעט אוורעמל, און אויף זיי איז געפאַלן בערל.

דאָס אייז האָט נישט אויסגעהאַלטן אַזאַ משא, צוערשט האָט עס זיך צעקנאַקט, דערנאָך האָט עס גענומען זיך ברעכן, און אַלע דריי האָבן זיך גענומען טרינקען. מיט די לעצטע כוחות האָבן זיך די יינגלעך געהאַלטן אין די שטיקער אייז און זיי האָבן געשריגן.

אויפן גוואַלד האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפלויפן מענטשן פון די אַרומיקע שטיבער. אָבער נאָך פריער האָט זיך וואַצעק אַ לאָז געטאָן צו זיינע חברים. ווען ער איז צוגעקומען נאָענט צו דעם געפּלאַצטן אייז, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויפן בויך. פּאַמעלעך, פּאַמעלעך האָט ער זיך צוגערוקט און אויסגעשטרעקט זיין האַנט.

דער ערשטער האָט אָנגעכאַפּט וואַצעקס האַנט טאַקע אוורעמל און איז אַרויסגעקראָכן אויפן אייז.

ווען מענטשן זיינען אָנגעלאָפן, זיינען שוין אַלע דריי יינגלעך, נאַסע און איבערגעשראָקענע, צוזאַמען מיט וואַצעקן געווען אויפן ברעג.

90. ווי אַזוי מע האָט דעם העזעלע פאַרריכט זיין פעלעכל.

דאָס העזעלע האָט געהאַט נישט קיין אָנגענעמען צופאַל:

אומגעריכט האָט עס באַגעגנט אין פעלד אַ הונט. ער האָט זיך אויף דעם געוואָרפן, און דאָס העזל איז קוים אַרויס מיטן לעבן. אָבער דער הונט האָט אים צעריסן דאָס פעלכל. אויפן גאַס איז קאַלט, עס ווייעט אַ ווינט און דער פראָסט בייסט זיך.

כ׳מוז זיך פאַרריכטן מיין פוטערל, — טראַכט דאָס העזל.

— אָבער וויאַזוי? כ׳וואָלט עס אפשר אַליין געקאָנט טאָן, ווען איך האָב אַ נאָדל. כ׳וועל מוזן גיין צו שטעכלער־נאָדלער, ער וועט מיר העלפן. ביי דער נאָרע פונעם שטעכלער איז דאָס העזעלע געבליבן שטיין.

— מייסטער שטעכלער־נאָדלער!

קיינער ענטפערט נישט.

— מייסטער שטעכלער! כ׳האָב געוואָלט פאַרלאַטען מיין פוטערל!

שטיל־שאַ, קיינער ענטפערט נישט.

— באָרג מיר אַ נאָדל, באָרג! — בעט זיך דאָס העזעלע, — דו האָסט אַזוי פיל נאָדלען.

אָבער קיינער האָט נישט געענטפערט.

אויפן בוים איז געזעסן אַ קראָ. זי האָט דערהערט דאָס רופן פון העזל, האָט זי אָנגעהויבן שרייען:

— קראַ, קראַ, קראַ! ער שלאָפט דאָך אַ גאַנצן ווינטער! דו וועסט אים נישט אויפוועקן, אַ שאָד דיין רופן!

— טאַקע, טאַקע, — האָט זיך דערמאָנט דאָס העזעלע, וואָס וועל איך איצט טאָן?

— גיי אין וואַלד און זוך אויס דעם פּיקהאָלץ. ער איז אַ גוטער מייסטער. ער וועט דיר אויף זיכער העלפן אין דיין אומגליק.

דאָס העזל איז אַוועק ווייטער אין וואַלד, אויפגעזוכט דעם פּיקהאָלץ און אים דערציילט וועגן זיין צרה.

— קיין שניידער בין איך נישט — האָט געזאָגט דער פּיקהאָלץ. — אָבער איך וועל דיר אפשר קאָנען העלפן אין דיין אומגליק.

ער האָט זיך גענומען בײַ זיין באַקאַנטער וועווערקע. טעלעכע לאַנגע האָר פון איר עק און האָט צוגענייט דעם העזל זיין פּעלעכל. ער האָט אַזוי גוט צוגענייט, אַז מע האָט אַפילו נישט דערקענט די שטעך.

— איך דאַנק דיר זייער, פּיקהאָלץ.

— נאַרישקייטן, אַ קליניקייט! מיר מוזן זיך העלפן איינער דעם צווייטן אין אַן אומגליק, וועט אונדז זיין גרינגער צו לעבן אויף דער וועלט.

91. אין קינדער־קלוב

אינדרויסן גייט אַ רעגן, טראָפּנס קלאַפּן אין די שויבן. אין קלוב איז וואַרעם, ליכטיק, פריילעך. די קינדער שפּילן זיך. אַלע זיינען צעהיצט, די פנימלעך פלאַמען, די אויגן גלאַנצן.

— לאָמיר זיך שפּילן אין טרעפעניש! — שרייט אויס זלאַטעלע.

— רחלע, דו גיי אַריין אין צווייטן צימער. — רחלע איז מיט איין שפּרונג געווען אין אַנדערן צימער.

— נו וואָס פאַר אַ זאַך וועלן מיר צוטראַכטן?

עס האָבן זיך גענומען שיטן נעמען: קרייד, טיש, קעצל, הינטל, ליאַלקע.

— שאַט, שאַט, שטילער... זי וועט נאָך דערהערן, — זאָגט חיהלע.

— הערט, וואָס מיר איז איינגעפאַלן, — שעפּטשעט עטעלע — זאָל רחלע טרעפן זיך אַליין.

— רחלע, קום אַריין! — רופט זלאַטקע.

רחלע, אַ פריילעכע, שפרינגט אַריין צוריק.

די קינדער קוקן זיך איבער און לאַכן.

— איז די זאַך אַ לעבעדיקע? — פרעגט רחלע.

— יאָ, נאָך ווי לעבעדיק, קאָן נישט איינשטיין אויף קיין אָרט.

— איז עס אַ מענטש, אָדער אַ חיה?

— אַ מענטש, נאָר שפרינגט ווי אַ חיהלע.

— אַ גרויסער, אָדער אַ קינד?

— אַ קינד, אַ גרויס קינד.

— אַ יינגל, אָדער אַ מיידל?

— אַ מיידל גרויס ווי דו, מיט אַ לאַנג נעזל ווי דו.

— גייט דאָס מיידעלע אין שול?

— זי גייט אין שול, נאָר פאַרשפּעטיקט זיך אַמאָל.

די קינדער לאַכן.

— זיינען אירע האָר טונקל אָדער העל?

— זי האָט שוואַרצע געקרייזלטע האָר, ווי אַ שעפּסל, אָבער מע דאַרף איר שענקען אַ קעמעלע, די הערעלעך צו פאַרקעמען.

רחלע איז רויט געוואָרן.

— וואָס פאַר אַ קליידל טראָגט זי?

— זי טראָגט אַ גראַנאַט קליידל, וואָס האָט פאַרלוירן אַ קנעפּל.

— דאָס בין איך! דאָס בין איך! — שרייט רחלע אויס שטאַרק פאַרדרייטלט, אָבער גאָר צופֿרידן, וואָס זי האָט געטראָפֿן.

— בראַוואָ! בראַוואָ! בראַוואָ, רחלע! ווען נישט דאָס קנעפּל וואָלסטו נישט געטראָפֿן.

אַלע קינדער לאַכן, און רחלע מיט זיי.

אויפֿצומאָרגנס איז רחלע געקומען די ערשטע אין שול. אירע געקרייזלטע האָר האָבן געגלאַנצט און געווען שיין צעקעמט. דאָס אויסגעפּוצטע גראַנאַט קליידעלע האָט געהאַט אַלע קנעפּלעך.

92. בלענדעניש

— קינדער, לאָמיר שפּילן אין בלענדעניש.

מיר האָבן זיך אַלע צעשטעלט, און יאַנקעלע האָט גענומען אויסציילן:

אוי ווי, גיב מיר טיי!
טיי איז ביטער — גיב מיר צוקער!
צוקער איז זיס — גיב מיר ניס.
ניס איז האַרט — זיץ און וואַרט.

איז אויסגעפֿאַלן אויף בערעלען. אָבער בערעלע איז נישט איינגעגאַנגען. ער האָט געזאָגט, אַז יאַנקעלע האָט נישט גוט געציילט. און ער האָט אַנדערש אויסגעציילט:

איינס, צוויי, דריי,
אָדער, לידער, היי,
שאָקן, באָקן,
קלינגען גלאָקן,
צירעלע, פּערעלע —
דוקעס אַרויס!

איז אָבער אויסגעפאַלן ווידער אויף בערעלען, האָבן מיר אַלע זיך צעלאַכט. האָבן מיר בערעלען פאַרבונדן די אויגן מיט אַ טיכל, ער זאָל אונדז נישט קאָנען כאַפּן.

מיר האָבן געפרעגט:

„אויף וואָס שטייסטו?"

— אויף אַ פּאָס! —

„וואָס טרינקסטו?"

— עפּלקוואַס! —

„וואָס עסטו?"

— אַ בייגעלע.

— „כאַפּ אַ פייגעלע!" — האָבן מיר אַ געשריי געטאָן און זיך געלאָזט לויפן. בערל האָט זיך געיאָגט נאָך אונדז מיט פאַרבונדענע אויגן. ער איז געלאָפן, געלאָפן, געטאַפּט די ווענט, ביז ער האָט פאַרט געכאַפּט... דעם לערער, וואָס איז גראָד אָנגעקומען אויף אונדזער שפּיל. מיר האָבן זיך אַלע שטאַרק צעלאַכט.

93. ברידער פּיר

די זון האָט אַ שמייכל געטאָן, איז פריילעך געוואָרן. דאָס ווינטל איז מילדער געוואָרן, איז אַ געפילדער געוואָרן:

קינדער זיינען אַרויס אויף דער גאַס זיך שפּילן, שוין נישט אַזוי ארומגעהילט און אָנגעפּעלצט.

אינמיטן שפּילן האָבן זיי דערזען איינעם אַן אַלטן מיט אַ פּעקל אויף די פּלייצעס און אַ שטעקן אין דער האַנט.

האָבן די קינדער אַזוי געקוקט אויף אים. עפּעס וייער

אַ באַקאַנטער, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען מיט אים אַ צייט צוזאַמען.

און ווי זיי קוקן אַזוי אויף אים, גיט ער צו זיי אַ מאַך:

— איך לאָז זיך שוין אין וועג אַריין, איך געזעגן זיך שוין מיט אייך, וויל איך אייך אויסלערנען אַ לידעלע.

האָבן די קינדער אין דעם לידעלע זיך איינגעהערט:

ברידער פיר

זיינען מיר

קומען פון דער ווייט,

יעדער אין זיין צייט.

איינער איז דער יינגסטער,

פון אַלעמען דער פלינקסטער.

דער צווייטער — אַ צעהיצטער,

אָבער אַ געשפּיצטער...

דער דריטער איז אַ פוילער,

אָבער אויך אַ וווילער.

דער פערטער איז אַ קאַלטער —

דאָס בין איך, דער אַלטער.

לאָז איך זיך אַוועק

אין ווייטן, ווייטן וועג.

וועט קומען שוין דער יינגסטער,

דער וואָס איז דער פלינקסטער.

האָבן די קינדער זיך דערפרייט, וואָס דער יינגסטער וועט שוין קומען. מיטן יינגסטן איז זייער גוט צו פאַרברענגען.

און זיי האָבן אויף גיך זיך גענומען געזעגענען מיטן אַלטן, ער זאָל זיך וואָס ווינציקער פאַרהאַלטן, פאַרזאַמען.

די קינדער זיינען מיט פרייד אַריינגעלאָפן אין שטוב אַריין, דערציילן דאָס דעם טאַטן מיט דער מאַמען.

94. דער יום־טוב פון די מאַמעס



דער יום־טוב פון די מאַמעס איז ביי אונדז אין שול געפייערט געוואָרן זייער שיין. אין גרויסן זאַל זיינען זיך צונויפגעקומען די קינדער און די מאַמעס. דער זאַל איז געווען געפּוצט מיט בלומען. אַנטקעגן איז געהאַנגען אַ גרויסער אויפשריפט:

לאַנג לעבן, זאָלן אונדזערע מאַמעס.

דער שול־פאַרוואַלטער האָט גערעדט, אַז די מאַמעס האָרעווען אַ סך פאַר די קינדער. די קינדער דאַרפן פאָלגן די מאַמעס, העלפן זיי אין דער אַרבעט.

פּערל פון דעם זעקסטן קלאַס האָט אַליין געהאַלטן אַ רעדע. זי האָט געווונטשן די מאַמעס אַ סך נחת פון די קינדער. זי האָט צוגעזאָגט, אַז אַלע קינדער וועלן זיך גוט לערנען. דערנאָך האָט געזונגען דער כאָר. מע האָט דעקלאַמירט שיינע געדיכטן, און מע האָט געטאַנצט מיט די מאַמעס צוזאַמען.

95. סוף ווינטער

זייַע פראָסט איז מיד געוואָר
אויף די גאַסן אומצושפּאַנען,
איז ער זיך אַוועקגעפאָרן
אָן אַ זיי־געזונט פון דאַנען.

האָט די זון דורך אַלע שויבן
אויפגעשיינט היינט אַ צעשטראַלטע.
ס'איז די זעלבע זון פון אויבן —
אָבער שוין נישט אַזאַ קאַלטע.

אויך דער שניי אויף טראָטואַרן
איז שוין נישט קיין ווייסער מערער.
מיט די לאָפּעטעס צעשאַרן
אים די פלינקע גאַסן־קערער.

קינדערלעך מיט בלויזע קעפּלעך,
כאָטש ס'איז נאָך נישט אַזוי וואַרעם,
שפּילן זיך אין גאַס אין קנעפּלעך,
און זיי מאַכן אָן אַ ליאַרעם.

דאָ און דאָרט בלויז פון אַ דעכל
גלעזלט נאָך פון אייז אַ צעפּל,
טוט די זון צו דעם אַ שמייכל,
פאַלט אַ טראָפּן אויף אַ טרעפּל.

אלע ארבעטן

96. אַרבעטער

ס'אַרבעט דאָך יעדער,
ס'דרייען זיך רעדער,
הענט העלפֿן צו;
ס'קלאַפּן מאַשינען,
וועבן און שפּינען, —
טו—טו—טו—טו!

סטאָלער קען מאַכן
הילצערנע זאַכן —
שאַפֿעס און טישן;
הובלען און זעגן
ברעטער מיט ברעגן —
ציש—ציש—ציש—ציש

שניידער קען נייען,
שטעפּן און דרייען
גיך די מאַשין,
מענטשישע קליידער
שטעפּן כסדר —
דין—דין—דין—דין!

שוסטער קען מאַכן
לעדערנע זאַכן,
שוכוואַרג אַ סך.
האַמערן ברעקלעך,
טשוועקלעך און פּלעקלעך
טאַך־טאַך־טאַך־טאַך!

שלאָסער קאָן ווייזן
שטאָל, מעש און אייזן,
ווי מיטן קוק
בייגן און גיסן,
ברעכן און שליסן —
הוק—הוק—הוק—הוק!

ס'אַרבעט דאָך יעדער,
ס'דרייען זיך רעדער,
הענט העלפֿן צו,
קלאַפּן מאַשינען,
וועבן און שפּינען —
טו—טו—טו—טו!

97. אין דער פאַבריק

ביים אַרויסגיין פון דער שול האָט יאַנקעלע געזאָגט צו גדליהן:

— גדליה, פאַרוואָס ביסטו נישט געווען ביי מיר? איך האָב דאָך געוואַרט אויף דיר.

— ווען דו ווייסט, וואָס איך האָב נעכטן געזען נאָך מיטאָג! דער טאַטע האָט מיך מיטגענומען אין דער פאַבריק.

— וואָס־זשע האָסטו דאָרט געזען?

— איך ווייס אַפילו נישט פון וואָס איך זאָל אָנהייבן: וואָס פאַר אַ רעש, וואָס פאַר אַ ריזיקע מאַשינען, וויפל אַרבעטער! כ'האָב זיך געפילט קליין ווי אַ זשוקל. דאָס צימער, וווּ איך בין אַריינגעקומען, איז געווען אַזוי גרויס, אַז מ'האָט נישט אָנגעזען דעם צווייטן עק. איבער מיין קאָפּ, האָט זיך געגליטשט אַ שטיבל, אויף אַזעלכע שינעס, וואָס זיינען צוגעטשעפּעט אונטער דער רושטאָוואַניע, מיט אַזעלכע ריזיקע נעגל האָט עס געהאַלטן אַ גאַנצן וואַגאָן.

— וואָס איז דאָס? — האָב איך געפרעגט דערשראָקן.

— האָב קיין מורא נישט — האָט מיר געענטפערט אַ שטימע הינטער מיין פּלייצע, דאָרט איז דער בלאָק אויף איבערצופירן שווערע זאַכן.

דער וואָס האָט צו מיר גערעדט איז געווען אַ ייִנגל, אָבער אַ סך גרעסער פון אונדז, אַ לערן־ייִנגל. אין יעדן זאַל האָט מיך עפּעס אַנדערש פאַרחידושט, אין איין זייט איז געווען אַן אויוון, פון וועלכן ס'האָט זיך אַרויסגעריסן אַ טייך פון פייער. דאָס איז געווען דער צעשמאָלצענער

מעטאַל, מיט וועלכן מע פּילט אָן פאַרשיידענע פאָרמעס. אין אַן אַנדער צימער האָט מען געמאַכט רערן, וועלכע זיינען אַרויסגעקומען רויטע, אַזוי ווי פלאַמען, און זיינען געפלויגן דורך אַזעלכע קאָריטעס, כדי זיך אָפּצוקילן. ריזיקע האַמערס, וואָס ווערן געהויבן דורך מאָטאָרן, האָבן געקלאַפּט איבערן אַנגעגליטן אייזן. נישט געקוקט אויף דער היץ און אויף דעם רעש האָבן די אַרבעטער, פאַרשוואַרצטע פון רויך און שמיר-אייל, מיט פאַרשוויצטע שטערנס, כסדר אויפמערקזאַם געאַרבעט. זיי אַרבעטן, כדי צו מאַכן אַלץ מער מאַשינען, טראַקטאָרן, רערן און אַקערס. וואָס מער זאַכן ס'וועלן זיין אין לאַנד, אַלץ ביליקער וועלן זיי זיין, און אַלץ בעסער וועלן מיר קאָנען אַלע לעבן.

98. ליד פון קוילנגרעבער

ס'איז מיין שאַכטן-לאָמפּ אַ שווערע
און נאָך שווערער מיין קילאָף;
ס'איז די אַרבעט מיר אַ כבוד,
און איך ליב זי אָן אַ סוף.

שוואַרצער דימענט אויסגעגראָבן,
פינקלט פריידיק און צעגליט,
— אויגן פינקלען העל און פריידיק
קוילנגרעבער, ווער נישט מיד!

שוואַרצע, טיפע קאָרידאָרן,
אויף די רעלסן אין דער וויט
לויפן רוישיק וואַגאָנעטקעס,
טראָגן האַסטיק שוואַרצע פרייד.

האַסטיק לויפן זיי און טראָגן
ליכט און וואַרעמקייט דער וועלט.
קוילנגרעבער, אוצרות גראָבסטו,
גליק פאַר מענטשן — ביסט אַ העלד!

99. לייבל זוכט אַ שוסטער.

אַ צרה מיט לייבלס שיך: דאָ אַ לאָך, דאָרט אַ ריס.
— מאַמע, עס רינט מיר אַריין אין די שיך.
— ביסט געוואַקסן, מע דאַרף, זונעלע, זיי פאַרריכטן.
— גוט. זעסט דעם ווייסן מויער אַנטקעגן? אויפן ערשטן שטאָק וווינט יידל דער שוסטער. טראָג אים צו די שיך, וועט ער זיי דיר ביז מאָרגן פאַרטיק מאַכן. לייבל גייט אַרויס אויפן ערשטן שטאָק. זעט ער דריי טירן. ווו־זשע וווינט דער שוסטער? קלאַפט ער אָן רעכטס און גייט אַריין.

אוי, וואָס דאָ טוט זיך! אויף דער פּאָל פול שפּענדלעך און זעגעכץ, ברעטלעך, לייסטלעך, וואַלגערן זיך אומעטום. אינמיטן שטייט איינער און הובלעוועט אַ ברעט.

לייבל זעט שוין, אַז ער האָט נישט געטראָפן. וויל ער זיך אַרויסכאַפּן שטילערהייט, אָבער דער מענטש מיטן הובל אין דער האַנט האָט אים באַמערקט.

— גוט מאָרגן, בחורל! וואָס וועסטו זאָגן גוטס?
— איך... איך האָב געוואָלט פאַרריכטן די שיך, אָבער...

— כאַ־כאַ־כאַ! שיך — צום סטאָלער! — האָט זיך צעלאַכט דער מענטש מיטן הובל. — דו זוכסט מסתמא דעם שוסטער. אָבער אַז דו ווילסט קאָנסטו זיך צוקוקן אַ ביסל, וויאַזוי מע מאַכט אַ טיש.

דער סטאָלער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם הובעל און זיך גענומען צו זיין אַרבעט, זינגענדיק:

ציש־ציש־ציש —
אַ סטאָלער מאַכט אַ טיש.
ווי ער הובלט פיין און גלאַט,
און שוין פאַרטיק איז אַ בלאַט.

לייבלען איז שטאַרק געפעלן געוואָרן ביים סטאָליער. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין צייט, האָט ער געזאָגט „אַ גוטן טאָג" און באַלד אַנגעקלאַפּט אין דער לינקער טיר.

— מע קאָן?

קיינער ענטפערט נישט. פון אינעווייניק הערט זיך רוישן און קלאַפּן. דאָ דערזעט ער גאָר מאָדנע זאַכן.

אין צימער אַרבעטן דריי מענטשן. איינער, אַ דאַרער, מיט ברילן אויף דער שפּיץ נאָז, שערט מיט אַ שער אַ שטיק גרינע סחורה. דער צווייטער, אַ דיקער, אַ נידעריקער, קוועטשט מיט אַלע כוחות אַ פּרעסל. עס גייט אַזש אַ רויך. דער דריטער — אַזוי זיך אַ מענטש, נישט קיין גראָבער, נישט קיין דאַרער — נייט אויף אַ מאַשין מיט אַזאַ אימפּעט, אַז עס קנאַקט אַזש אַרום אים, און ער זינגט:

בין איך מיר אַ שניידערל,
בין איך מיר אַ שניידערל,
ניי איך מיר טאָג־אויס, טאָג־איין
לוסטיק, פריילעך, פיין!

— און איך האָב געמיינט, — טראַכט לייבל — אַז נאָר מאַמעס קאָנען נייען.

דער דאַרינקער מיט די ברילן האָט אים פּלוצעם דערזען און אַ רוף געטאָן:

— העי, יונגערמאַן, וואָס ווילסטו? אַן אָנצוג באַשטעלן?

דער גראַבער האָט אויפגעהערט צו פּרעסן און לאַכנדיק געזאָגט:

— ער וויל אַוודאי אַ זיידענע קאַפּאָטע אויף יום־טוב.

און דער דריטער, נישט דאַרער, נישט דיקער — האָט צוגעגעבן:

— איך זעט דאָך, ער טראָגט פולע שיך מיט געלט...

אַלע דריי האָבן געלאַכט, און לייבל האָט אויך געלאַכט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי מאַכן אַ שפּאַס, האָט ער געזאָגט:

— מיינע שיך זיינען פול נישט מיט געלט, נאָר מיט לעבער, און דאַרפן דאַרף איך אַ שוסטער.

— אַזוי־זשע רעדט, יינגעלע. דער שוסטער וווינט טאַקע דאָ דערביי, — האָט אַ זאָג געטאָן דער, וואָס ביי דער מאַשין און ווידער אָנגעהויבן שטעפּן מיט אַ טראַסקעריי.

אין אַ מינוט אַרום האָט שוין לייבל געקלאַפּט אין דער דריטער טיר, אין דער מיטלסטער. איצט האָט ער טאַקע געטראָפן צו יידל דעם שוסטער.

100. יונגע בויער.

מיר זיינען יונגע בויערס,
בויען מיר אַ הויז,
איינער ברענגט דאָס ליים,
אַ צווייטער קנעט עס אויס.

אַ דריטער לייגט די ציגל,
וואַקסן הויך די ווענט,
איז אַ פרייד צו קוקן,
ווי די אַרבעט ברענט.

101. דריי באַלמעלאָכעס

אַ שניידערל

בין איך מיר אַ שניידערל,
הייסט מען מיך רב גאָדל,
ציי איך מיר אַזוי אַריין
אַ פֿאָדעם אין אַ נאָדל.
כ׳מאַך אין עק אַ קניפּעלע,
ניי און ניי כסדר;
אָט אַזוי און אָט אַזוי
ניי איך מיר די קליידער.
טורייי־ריי!
טורייי־ריי!
ניי איך מיר די קליידער.

אַ שוסטערל

בין איך מיר אַ שוסטערל,
רופֿט מען מיך רב מיכל,
נעם איך מיר אַזוי אַן אָל
און שטעך אַריין אין שיכל.

ווערט אין זויל אַ לעכעלע,
שטעק איך אָן אַ טשוועקל,
אַט אַזוי און אַט אַזוי
קלאַפּ איך מיטן העקל.
קלאַפּ און קלאַפּ!
קלאַפּ און קלאַפּ!
קלאַפּ איך מיטן העקל.

אַ בעקערל

בין איך מיר אַ בעקערל,
רופט מען מיך רב לעמל,
קנעט איך מיר דאָס טייג גוט אויס
און שנייד דאָס ברויט און זעמל.
כ'לייג זיי אויף דער לאָפּעטע,
געשוואָלענע פון הייוון:
אַט אַזוי און אַט אַזוי
רוק איך זיי אין אויוון.



באַלד אַריין
אין באַלד אַרויס
הין און צוריק פון אויוון.

102. בייגל־בעקער

אָט אַזוי־אָ באַקט מען בייגל:
פריער קנעט מען אויס דאָס טייגל.
אויסגעקנעטן — לאָזט מען יערן,
אַז דאָס טייג זאָל גרעסער ווערן.
אויפגעיויִרן, ברייטער, העכער,
גרויסע לעכער און וואָס גרעסער,
זיינען אַלץ די בייגל בעסער...
און די בייגל אויסצובאַקן
דאַרף מען פריער האַלץ אָנהאַקן.
אָנגעהאַקט, איז פריילעך, מונטער —
נעמט און הייצט דעם אויוון אונטער!
זאָל דער אויוון זיך צעגליִען,
זאָלן פונקען טאַנצן, פליִען!

איצטער — נישט פאַרשפּעטיקט, קינדער,
נעמט די לאָפּעטעס געשווינדער —
אויב עס איז די צייט אייך טייער —
שיבט די בייגל גלייך אין פייער!
איינגעשיבט זיי — היט דעם אויוון,
ס'איז קיין פייער ניט צו גלויבן...
זיינען בייגל אויסגעבאַקן,
זאָלן אַלע ציינדלעך קנאַקן!
עסט, עס וועט פאַר יעדן סטאַיען.
נאָר נישט כאַפּן, גוט צעקייען —
כ'מיין די בייגל, ניט די לעבער —
וועט איר וואַקסן ביז די דעכער!

103. אין קוזניע

ווען איך גיי פאַרביי דעם פעטער מאָטיעס קוזניע, מוז איך אַריינגיין. איך האָב ליב צו קוקן, ווי מע אַרבעט דאָרטן. אַלע זיינען פאַרנומען. דער פעטער וואַרעמט אָן אייזן, מיכל אַרבעט ביי דער קאָוואַדלע, שלום ציט אָן

אַ ראָד און דער קליינער בערל טוט שוין אויך עפּעס. געצייג איז ביים פעטער אָן אַ שיר:

האַמערס פון פאַרשיידענער גרויס, אַלערליי צווענגלעך, פיילן, זעגלעך אויף שניידן אייזן, שאַרפשטיינער, בויערלעך אויף בויערן אייזן און צוויי גרויסע בלאָז־זעק.

אין קוזניע מאַכן זיי אַלץ: וועגלעך, שליטלעך, אַקערס, העק, סערפּן, שלעסער און וואָס איר ווילט נאָר. שיין איז צו קוקן, ווי מע שמידט אונטער אַ יונג פערדל. דער פייער האַלט פאַר דעם צוים, שלום — פאַרן פּוס. בערקע דערלאַנגט טשוועקעס, און דער פעטער אַליין שמידט עס אונטער. מיר געפעלט, ווי שמידן אַרבעטן.

104. בוי איך מיר אַ שיפעלע

ברעטלעך קויף איך מיר פאַר געלט,
שלאָג איך זיי צוזאַמען,
בוי איך מיר אַ שיפעלע
צו פאָרן איבער ימען.
לאָז איך זיך אין וועג אַריין,
אין וועג אַריין אין ווייטן,
שפּרייט איך מיר אַ זעגל אויס
אַ לאַנגן און אַ ברייטן.
שפּרייט איך מיר אַ זעגל אויס —
בלאָזט אים אויף דער ווינט.
ווינט, דו ווינט, מיין שיפל טראָג
צו יענעם ברעג געשווינד!

105. ווינט

זאָל דער ווינט אומזיסט נישט בלאָזן,
אַזאַ בלאָזן ווי ער בלאָזט!
וואָלקנס יאָגט ער, ווי די האָזן,
ביימער בייגט ער ביז צום גראָז.
אַ מאַשין וועל איך מיר מאַכן
און וועל איינשפּאַנען דעם ווינט —
איבער שטעט און איבער פלאַכן
זאָל ער טראָגן מיך געשווינד.
ווען איך דאַרף און ווען איך וויל,
ווי איך טו אַ קנאַק, אַ ריר,
זאָל ער בלייבן ליגן שטיל,
ווי דאָס הינטל ביי דער טיר.

106. דאָס פּאַסטעכל

בין איך מיר אַ פּאַסטעכל
פון מיין טאַטנס דאָרף,
כ'פּאַשע מיר די קיעלעך,
קיעלעך און שאָף.
זינג איך מיר אַ לידעלע
אַזוי קלאָר און זיס,
ברומט מיר צו דאָס טייכעלע,
וואָס פון בערגל פליסט:
דו־דו־דו־דו־דו!
קומט פון וואַלד אַ וועלפעלע —
כ'וויים נישט פון קיין שרעק,
כ'וויז אים נאָר מיין שטעקעלע,
לויפט ער גלייך אַוועק.
קומט דער אָוונט. טרייב איך גיך,

כ׳טרייב אַהיים די שאָף,
זינג איך פריש אַ לידעלע
פון מיין טאַטנס דאָרף!
דו־דו-דו־דו־דו!

107. די מיל (קרייז־שפּיל)

ס׳קלאַפּט די מיל, עס קלאַפּט די מיל,
און די רעדער גייען,
בלייבן נישט קיין רגע שטיל,
דרייען זיך און דרייען.
מילנער:
כ׳בין דער מילנער, בין איך ווייס
פון דעם מעל געוואָרן,
שטיי איך איצט אינמיטן קרייז,
מאָל איך ווייץ און קאָרן.
פּויערים:
מילנער, מילנער, מאַך אַ וועג,
עפן אויף דעם טויער!
ווייץ און קאָרן פולע זעק
ברענגט איעדער פּויער!
מילנער:
דאַרפט איר קערנער געבן שנעל,
פאַר מיין מי באַצאָלן,
ברויטנמעל און זעמלמעל
וועל איך פאַר אייך מאָלן.
ס׳קלאַפּט די מיל, עס קלאַפּט די מיל,
און די רעדער גייען,
בלייבן נישט קיין רגע שטיל,
דרייען זיך און דרייען.

108. אַלע בויען וואַרשע.

סטעפעק בלייבט שטיין ביים נייעם הויז. נישט לאַנג צוריק זיינען דאָ געווען חורבות. און איצט שמייכלט צו אים דאָס הויז און אים דוכט זיך, אַז די ווייסע ווענט זאָגן:

— מיר וואָלטן נישט געווען, ווען נישט טאַדעקס פאָטער, וואָס איז געקראָכן אויף די רושטאָוואַניעס. נאָך אַנדערע מויערער האָבן אים געהאָלפן.

— מיר וואָלטן נישט געווען, ווען נישט משהלעס טאַטע, דער גלעזער. ער האָט אונדז באַפּוצט, אַז די זון זאָל זיך אין אונדז שפּיגלען, — זאָגן די שויבן.

— כ'וואָלט נישט געפלויגן אַזוי פריילעך אין דער הויך, ווען נישט זאַשעס פאָטער, וואָס האָט אַזוי שיין געשטעלט די אויוונס, — זאָגט דער רויך.

— און איך וואָלט אויך נישט געווען, — רופט זיך אָן מיט אַ גראָב קול דער דאַך — ווען נישט יוזשעקס טאַטע דער בלעכער.

סטעפעק פרייט זיך — אַלע בויען וואַרשע!



109. טראַסע „ווו–זעט“

ווי פריילעך ס׳רוישט די ווייסל,
פון אונטער נייעם בריק.
דער טייך, ווי אין אַ מעשה,
ער פליסטערט איצט פון גליק.

מע האָט דער ווייסלס ברעגן,
פאַרייניקט — זעט נאָר, זעט, —
און אויסגעפלאַסטערט וועגן,
אַ נייעם שליאַך „ווו — זעט“.

עס גריסט זיך ברעג פון וואָליע
מיט ווייסלס פראַגער שוועל,
אַ חוץ דורך הימלען בלויען —
דורך מעכטיקן טונעל!

עס קלינגען שוין טראַמווייען
אויך אויף דער ווייסלס רוקן,
און ס׳גייען מחנות, גייען,
דעם וווּנדער אָנצוקוקן.

דאָרט זינגט מען לידער נייע,
און ס׳קלינגט אָפּ אין דער ווייט,
דאָס זינגען מענטשן פרייע,
און פון אַ פרייער צייט.

און פריילעך רוישט די ווייסל,
פון אונטער נייעם בריק,
דער טייך, ווי אין אַ מעשה,
ער פליסטערט איצט מיט גליק!

די ליבע באַשעפענישן

110. דאָס קעצעלע.

ביי אונדז איז דאָ אַ קעצעלע,
אַ קלייניקס אַזאַ־אָ.
די מאַמע זאָגט, עס טויג אונדז נישט,
מיר אָבער טויג עס יאָ.

די מאַמע האָט דאָס קעצעלע
פאַר מייזעלעך געבראַכט,
שפּילט זיך עס אַ גאַנצע טאָג
און שלאָפט זיך גאָר ביינאַכט.

אַזוי איז דאָס אַ שוואַרצינקע,
נאָר פיסלעך — ווייס ווי שניי.
צוויי גלאַנציק־קליינע וואָנצעלעך,
וואָס שטענדיק פּוצט עס זיי.

אַך, איז דאָס אַ לעבעדיקס!
איך שפּיל מיט דעם אין „האָפּ",
עס דראַפּעט מיר די הייזעלעך
און קריכט מיר אויפן קאָפּ.

איך קיצל דעם די אויערלעך
די גלאַטינקע ווי פּליוש,
פאַרמאַכט עס זיך די אייגעלעך,
דאַן גלעט איך זיי און קוש.

111. קעצל און פלעצל.

.1

איינמאָל האָט אַ קעצל געקריגן אַ פלעצל. האַלט דאָס קעצל דאָס פלעצל, גיט דאָס אַ שמעק און אַ לעק, און עסן עסט דאָס נישט. וואָס איז די מעשה? איז דאָס מעל נישט ווייס? ניין, דאָס מעל איז גראָד ווייס, נאָר עס איז אַנדערע מעשה: דאָס פלעצל איז נישט געווען אַ פוטער־פלעצל, נאָר אַזוי אַ פלעצל, געמאַכט פון מעל און פון וואַסער, גאָר קיין מאכל נישט פאַר נאַשער.

און ווער איז נאָך אַזאַ נאַשערקע ווי אונדזער קעצל? וואָס טויג פאַר איר אַזוי אַ פלעצל? האָט קעצל געשמעקט דאָס פלעצל, געשמעקט און געלעקט, און געגעסן האָט זי דאָס נישט.

.2

איז פאַרבייגעגאַנגען אַ הונט, און דער הונט איז, ווי געווינטלעך, געווען הונגעריק. זעט ער קעצל האַלט אַ פלעצל, לעקט עס און שמעקט עס, און עסן עסט זי דאָס נישט.

פרעגט ער: קעצל, קעצל, פאַרוואָס עסטו נישט דאָס פלעצל?

ענטפערט קעצל: ס'איז נישט קיין גוטס, ס'איז אָן פוטער.

מאַכט דער הונט און די סלינע רינט אים פון מויל:
— אַן אונדזעריקער, אַ הונגעריקער וואָלט אַזאַ פלעצל צעריסן און אויפגעגעסן ביז אַ ביסן.
זאָגט קעצל:

— און איך עס נאָר פוטער־פּלעצל.
זאָגט דער הונט:
— זאָל דיר זיין צו געזונט! און אויב דו ווילסט נישט, קעצל, עסן דאָס פּלעצל, גיב דאָס מיר אַוועק, וועל איך דערמיט מאַכן אַן עק.
— און וואָס וועסטו מיר דערפאַר געבן?
שווייגט דער הונט.
גיט קעצל אַ זאָג:
— ניין, הונט, זיי דיר געזונט! — און האָט גענומען לויפן מיטן פּלעצל.
דער הונט, נעבעך, איז געוועזן צו שוואַך פון הונגער, און ער האָט נישט געקאָנט נאָכלויפן דעם קעצל מיטן פּלעצל. האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויף דער זון זיך וואַרעמען.

3.

קעצל האָט דערזען, אַז דער הונט לויפט נישט נאָך, האָט עס זיך אָפּגעשטעלט און גענומען ווידער טראַכטן וואָס צו טאָן מיטן פאַרעוועון פּלעצל. אַז עסן דאָס האָט זי קיין חשק נישט און אַוועקוואַרפן ווילט זיך אויך נישט.
איז פאַרביי נאָך אַ הונט, אויך אַ הונגעריקער, וואָס וואָלט פאַרצוקערט דאָס פּלעצל, ווען ער קריגט דאָס נאָר פון קעצל, מאַכט ער צום קעצל:
— וואָס חלומסטו איבערן פּלעצל?
זאָגט קעצל:
— איך חלום נישט, נאָר איך טראַכט.
מאַכט דער הונט: — וואָס טויג דיר טראַכטן און דאַכטן, עס דאָס בעסער!
ענטפערט דאָס קעצל:
— איך האָב ליב פוטער־פּלעצל, און אָט דאָס

פלעצל איז פאַרעווע ווי אַ קלעצל, נישט מילכיק און נישט פליישיק, איז עס פאַר מיר נישט קיין עסק.
זאָגט דער הונט:
— גיב עס מיר. פאַר מיר איז דאָס אַן עסק, ווען אַפילו נישט מילכיק און נישט פליישיק.
האָט קעצל אויך דעם הונט נישט געוואָלט געבן דאָס פלעצל.
אָבער דער הונט איז געווען קליגער פאַר יענעם. זאָגט ער צום קעצל:
— ווייסטו וואָס? גיב מיר דאָס פלעצל, און איך וועל עס אַוועקטראָגן צו מיינעם אַ באַקאַנטן קרעמער, וואָס האַלט אַ קראָם מיט מילכיקס. איך וועל אים בעטן, וועט ער מיר אָנשמירן פוטער אויפן פלעצל; וועסטו אָפּלעקן פריער די פוטער און מיר וועסטו אָפּגעבן דאָס פלעצל. גוט, קעצל?
איז דעם קעצל געפעלן געוואָרן די מעשה און עס האָט געזאָגט צום הונט:
— זאָלסטו מיר זיין געזונט! נאַ דיר דאָס פלעצל און באַפוטער דאָס פאַר דיין קעצל!
האָט דער הונט גענומען דאָס פלעצל און איז אַנטלאָפן, לאָזנדיק קעצלען מיטן מויל אָפן.
אומזיסט האָט קעצל געוואַרט אויף דער פוטער מיטן פלעצל, ווייל דער הונט איז גאָר נישט געגאַנגען צום קרעמער באַפוטערן דאָס פלעצל.
און קעצל האָט געוואַרט און געוואַרט, ביז עס האָט זיך געכאַפּט, אַז דער הונט האָט עס גענאַרט. האָט עס זיך צעגעגנעצט און איז פֿריל מיט אַן אָפן מויל אַוועק אין הויז כאַפּן אַ מויז.
און די מעשה איז אויס.

112. מײַן הינטעלע.



האָב איך מיר אַ הינטעלע,
אַ ציטריסל אַ קלײנס,
אַ קלײנטשיקס, װי אַ פינטעלע,
אַ חיהלע אַ שײנס.

האָט עס קורצע פיסעלעך
מיט אַ לאַנגן עק,
אויף די שװאַרצע אויערלעך
װײסלט זיך אַ פלעק.

ציכטיק איז מײַן הינטעלע,
גלאַנציק אויסגעקאַמט.
בינד איך אויפן האַלדז אים אָן
אַ שלײף פון רויטן באַנד.

און װען איך גײ אין שול אַרײַן,
עס לויפט פאָרויס פאַר מיר
און װאַרט אויף מיר אַהײמצוגײן
געדולדיק בײַ דער טיר.

גײ איך װען צום טײַך אַרויס
צו באָדן זיך אין אים,
שװימט עס שױן פאַר מיר אַרויס,
נאָך שנעלער װי איך שװים.

טו איך דאַן אַ װאָרף אין שפּאַס
אַ שטעקעלע אין טײַך —
כאַפּט עס באַלד, אינגאַנצן נאַס,
אין מויל און ברענגט עס גלײַך.

און ווער איז נאָך אַזוי געטריי,
ווי ציטריסל איז מיר ?
טרעפט אַמאָל איך ווער פאַרביי,
וויינט עס ביי דער טיר.

און וויל מיך ווער אַ ריר טאָן נאָר,
מיך שיצן בלייבט עס שטיין,
עס הייבט אָן באַלד צו ברומען בייז
און בלאַנקט מיט זיינע ציין.

היינט זאָגט־זשע, קינדער, ווער פון אייך
צו מיר זיך גלייכן קאָן ?
איך האָב אַ קליינטשיק ציטריסל —
ווער קאָן מיר עפּעס טאָן ?

113. דעם שכנס הונט.

ריווקעלע פלעגט אַלעמאָל וועלן מיטגיין מיט דער מאַמען. גיין ערגעץ צו גאַסט, אָדער עפּעס קויפן — ריווקעלע וויל מיטגיין.

איז איינמאָל, ווען די מאַמע האָט זי מיטגענומען און פאַרטאָן געווען אין קויפן, האָט ריווקעלע זיך אַוועקגעדרייט און גענומען שפּילן מיט אַ באַל.

אַ וואָרף אויף דרערד, אַ לויף כאַפּן, געכאַפּט, זיך פאַרדרייט אין אַ צווייטער גאַס אַריין.

זיך געשפּילט און זיך אָנגעשפּילט, גיט זי זיך אַ כאַפּ:

— וווּ בין איך ? וווּ איז די מאַמע ? וווּ איז די היים ?

זי האָט זיך שיר נישט געוואָלט צעוויינען. גיט זי זיך אַ קוק אום — עס דרייט זיך אַרום איר אַ הונט, אַ באַקאַנטער, דעם שכנס הונט.

ניִשט איינמאָל האָט זי אים עסן געגעבן. נעמט זי אים בעטן:

— הונט, הינטל, פיר מיך אַהיים!

קוקט ער זי בייז אָן, און זי וואַרפט אים דעם באַל. ווערט ער ברוגז און לויפט אַוועק. לויפט זי אים נאָך, אים איבערבעטן. ער אַנטלויפט, און זי לויפט אים נאָך.

לויפן זיי, לויפן, לויפן, ביז אויף זייער גאַס, ביז אין זייערע הויפן.

114. אַ שמחה.

צוועלף קליינע שיינע הינדעלעך
האָט אויסגעפירט די הון,
איצט זיצט זי מיט די קינדערלעך
און וואַרעמט זיך אין זון.

זיי צוויטשערן, ווי פייגעלעך,
אין מוטערלעכער שוים,
און וויניִשט־ווו אַן אייגעלע,
אַ מיילכל שטעקט אַרויס...

ערשט נעכטן, אין אַ גוטער שעה,
זיך אויסגעשיילט פון איי:
אַ־ווּאַ! די קרובים האָבן דאָ
זיך שטאַרק געפרייט מיט זיי:

זעקס הינער האָבן זינגענדיק
געלאָזן זיך אין טאַנץ,
און הינטער זיי האָט שפּרינגענדיק
צעגאַרגלט זיך אַ גאַנדז.

אויך האָבן זיך די סאַמעט־קעפּ,
די קאַטשקעלעך געפרייט;
און ס'האָבן אויף די לייטער־טרעפּ
זיך טייבעלעך געדרייט.

דער אינדיק האָט געהאָלדערט הויך,
געבלאָזן זיך , אַ שרעק !
דער באָק, אַפילו, ער האָט אויך
געשאָקלט מיטן עק.

איצט זיצט אויף זיי די מאַמע־הון
געמיטלעך גאָר און ברייט —
זי זשמורעט זיך פון העלער זון
און קוואָקעט שטילערהייט.

פון ווייטן שטייט דער בייזער האָן
און הייבט דעם קאָפּ אַרויף :
ער קוקט און היט, צי קומט נישט אָן
אַ פרעמדער אויפן הויף.



.115 אונדזער פֿייגעלע.

היינט האָט אונדז די לערערין דערציילט, ווי קינדער אין שול האָבן געמאַכט אַ פֿויגל־טיש. זיי האָבן אַרויסגעהאָנגען פֿאַרן פֿענצטער פֿון קלאַס אַ ברעטל און פֿלעגן אויף דעם אַלע טאָג אָנשיטן ברעקלעך ברויט, קעז און אַנדער עסנוואַרג. די פֿייגעלעך, וואָס האָבן נישט ווינטער וואָס צו עסן, פֿלעגן צופֿליען צום ברעטל, פּיקן די ברעקלעך און ראַטעווען זיך פֿון הונגער. די זאַך איז אונדז זייער געפֿעלן געוואָרן, און מיר האָבן אויך באַשלאָסן צו מאַכן אַזאַ פֿויגל־טיש. אינמיטן רעדן רופֿט זיך אָן יאָסעלע:

— ווען מיר האָבן אַ פֿייגעלע אין קלאַס, אָט וואָלטן מיר עס געהאַלטן טייער!

טאַקע, טאַקע, — האָבן זיך אָנגערופֿן די קינדער — לאָמיר טאַקע קויפֿן אַ פֿייגעלע. גערעדט און געטאָן! אַלע האָבן זיך צונויפֿגעלייגט צו עטלעכע גראָשן, און מיר זיינען אַוועק אין אַ פֿייגל-געשעפֿט קויפֿן אַ פֿייגעלע.

אַך, וואָס דאָרט האָט זיך געטאָן! אַ סך קלייניקע פֿייגעלעך האָבן געצוויטשערט, געפֿישטשעט, געזונגען, געשפּרונגען איבער די שטייגעלעך, געפּאָכעט מיט די פֿליגעלעך.

מיר האָבן אויסגעקליבן אַ קליין פֿייגעלע מיט אַ געל בריסטל און געבראַכט עס אין שטייגל אין קלאַס אַריין.

עטלעכע קינדער האָבן גלייך געבראַכט טרוקענע זאַמד. מיר האָבן אָנגעגאָסן וואַסער אין אַ טעצעלע, אָנגעוואָרפֿן קערנדלעך און אַוועקגעשטעלט דאָס שטייגעלע אויפֿן פֿענצטער. פֿון אָנהייב איז עס געווען דערשראָקן און אומעטיק. מיר האָבן עס געלאָזט צו רו.

די לערערין האָט אונדז דערווייל געהייסן פאַרשרייבן, וויאַזוי מע דאַרף זיך באַגיין מיט אַ פייגעלע:

1) די זאַמד און דאָס וואַסער אין שטייגל מוז מען אַלע טאָג בייטן.

2) לעבן שטייגל דאַרף מען האַלטן וואַזאָנעס.

3) אין צימער, וווּ עס שטייט דאָס שטייגל, דאַרף זיין וואַרעם, און די לופט ריין און פריש. אין דעם צימער טאָר מען נישט רייכערן.

בעת מיר האָבן געשריבן, האָט זיך דאָס פייגעלע דערווייל באַרויקט און גענומען זינגען. מיר האָבן שיר נישט געטאַנצט פאַר פרייד. דאָס פייגעלע האָט פאַרבראַכט ביי אונדז דעם גאַנצן ווינטער. אַלע טאָג האָט אַן אַנדער קינד עס באַזאָרגט מיט עסן און מיט טרינקען.

ס'איז אָנגעקומען דער פרילינג. ס'איז געוואָרן וואַרעם און זוניק. מיר האָבן געעפנט די פענצטער. אונדזער פייגעלע האָט געזונגען אַלץ שענער און שטאַרקער. אָבער אַלץ אָפטער האָט עס געשלאָגן מיט די פליגל אין די דראָטן פון דעם שטייגל; דורכגעשטעקט דאָס שנעבעלע דורך די דראָטן, גלייך ווי ס'וואָלט זיך געבעטן:

— לאָזט מיך אַרויס אויף דער פריי, צום בלויען הימל, צום גרינעם וואַלד!

— אַ רחמנות אויף אונדזער פייגעלע, — האָט זיך איינמאָל אָנגערופן גיטעלע — אַלע פייגעלעך זיינען פריי, פליען אַרום ווו זיי ווילן, און אונדזערס, נעבעך, איז פאַרשפאַרט אין שטייגל, מע דאַרף עס גאָר אַרויסלאָזן.

— אַרויסלאָזן פריי! אַרויסלאָזן! — האָבן אַלע איינשטימיק געזאָגט.

און באַלד איז שוין דער עולם געשטאַנען אַרום שטייגל. איינער האָט ברייט פונאַנדערגעעפנט דאָס פענצטער.

— ווער וועט עפענען דאָס שטייגל ?

— גיטעלע ! גיטעלע ! — זי האָט די ערשטע פאַרגעלייגט צו באַפרייען דאָס פייגעלע.

— גיטעלע האָט מיט אַ ציטערדיקער האַנט אויפגעעפנט דאָס טירל פון שטייגל. דאָס פייגעלע האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, דאַן אַ פלי געטאָן פון שטייגל דורכן פענצטער אויפן נאָענטן בוים.

אין קלאַס איז געוואָרן שטיל, אַלע האָבן מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם געקוקט אויפן בוים.

— אָט זיצט עס ! איך זע עס ! — האָבן אייניקע אָנגעוויזן מיטן פינגער.

— ווו ? ווו ?

— אָט דאָרטן אויף דער פאָדערשטער צווייג !

פלוצלינג האָט זיך דאָס פייגעלע אויפגעהויבן, אַ שוועב געטאָן אין דער לופט און אַוועקגעפלויגן וויט־וויט... מער האָבן מיר עס שוין נישט געזען.

116. דאָס פייגעלע.

זאָגט דאָס פייגעלע „טשיר, טשיר",
רעדט זיך אויס דאָס האַרץ פאַר מיר :
— עלנט בין איך דאָ אין שטייג,
בענק איך נאָך אַ הויכער צווייג.
און, דער ווייטער וואַלד מיך רופט...
כ'זע אַ פויגל דרויסן פליט,
וויל־איך פליען — קען איך נית.
שריי איך, רוף איך טשיר, טשיר ,טשיר !

הערט זיך קיינער צו צו מיר...
— „האָסטו גאָר קיין מאַמע נישט?"
— ערגעץ ווייט מיין מאַמע פליט...
— „האָסטו ניט אַזוי, ווי איך,
חברטעס צו שפּילן זיך?"
— כ'בין אַליין דאָ טאָג און נאַכט,
פון די דראָטן שטאַרק באַוואַכט.
קוק איך פון דער שטייג אַרויס —
ס'איז דער דרויסן זייער גרויס,
און איך מוז אין ענגשאַפט זיין,
איינגעשפּאַרט אין שווערער פּיין...
און עס בעט מיך: — „טשיר, טשיר, —
עפן אויף פאַר מיר די טיר!"
קריך איך אויפן טיש אַרויף
עפן איך דאָס טירל אויף,
זינגט עס פריילעך: „טשיר, טשיר, טשיר!
פון מיין האַרצן דאַנק איך דיר"
— „פלי געזונט, דאָרט אין דער הויך,
גיב אַ גרוס דיין מאַמען אויך!"
פליט עס נאָכדעם ווייט און פריי,
פליט די וואָלקנדלעך פאַרביי.
ווערט עס ווי אַ פּינטל קליין,
ביז איך קען עס מער ניט זען.

117. גייט אַ ייִנגעלע אַרויס אין פעלד.

גייט אַ ייִנגעלע אין פרימאָרגן אין פעלד אַרויס,
קומט אַנטקעגן אים אַ קו.
מאַכט די קו:
— גוט מאָרגן!

— אַזאַ וווּנדער, אַזאַ טאָג,
אַז די קו, די גרויסע קו,
וואָס זי זאָגט נאָר מו און מו,
זאָל גאָר פּלוצעם קומען היינט
מיט „גוט מאָרגן", ווי אַ פריינד!
גיט די קו אַ שטילן מו
און זי זאָגט: — דו יינגל, דו!
אַז איך גיי אין פעלד און גיי,
קיי דאָס גראָז און קיי דאָס היי,
שלעפּ זיך אום מיט מידע פיס,
ברענג דיר מילך אי פעט, אי זיס,
אָט דערפאַר — גוט מאָרגן!
זאָגט דאָס יינגל:
— יאָ, מיין קו, דו ביסט גערעכט.
איך בין נאַריש, איך בין שלעכט.
גוט מאָרגן, קו, גוט מאָרגן!
גייט אַ יינגעלע אינמיטן טאָג אין פעלד אַרויס,
קומט אַנטקעגן אים אַ פערד.
מאַכט דאָס פערד:
— גוט העלף!
לאַכט דאָס יינגל: — זייגער צוועלף
דאַרף מען גריסן זיך: גוט העלף!
אָבער דו, דו גרויסער פערד,
דו דאַרפסט קוקן צו דער ערד.
ווי־זשע ווערסטו פּלוצעם היינט
מיר אַזאַ מיין נאָענטער פריינד?
גיט דאָס פערד אַזוי אַ בלאָז
מיט זיין לעבערדיקער נאָז:
— יאָ, איך ווייס, איך בין אַ פערד,
גיי געבויגן צו דער ערד,

ווייל איך אַקער, שלעפּ און פיר
שטיינער, האָלץ און ברויט פאַר דיר.
אָט דערפאַר — גוט העלף!
— זאָגט דאָס יינגעלע:
— יאָ, מיין פערד, דו ביסט גערעכט.
איך בין נאַריש, איך בין שלעכט.
גוט־העלף דיר, פערד, גוט העלף!
גייט אַ יינגעלע אין פעלד אַרויס פאַרנאַכט,
קומט אַנטקעגן אים אַ קאַץ.
מאַכט די קאַץ:
— גוטן אָוונט!
לאַכט דאָס יינגל — קייך און קייך:
— וואָס? אויך דו ביסט צו מיר גלייך?
טראָג זיך אָפּ, דו פאַלשע קאַץ,
דו האָסט נעגל פאַר אַ קראַץ,
דו דאַרפסט מיאַוקען — מיאַ און מיאַ,
מיאַ און מיאַ און ווייטער — שאַ!
גיט די קאַץ אַ שטילן מיאַ
און זי גיט אַ זאָג אַזאַ:
— אין דער נאַכט אין שטילן הויז
קומט די פרעסערקע די מויז,
שלאָפט די שוועל, עס שלאָפט דער דאַך,
איך נאָר איינע ליג און וואַך.
אָט דערפאַר — גוטן אָוונט!
זאָגט דאָס יינגל:
— יאָ, מיין קאַץ, דו ביסט גערעכט.
איך בין נאַריש, איך בין שלעכט,
גוטן אָוונט, קאַץ, גוטן אָוונט!
גייט שוין יינגעלע פון פעלד אהיים ביינאַכט,
קומט אַנטקעגן אים אַ הונט.

מאַכט דער הונט:
— אַ גוטע נאַכט!
לאַכט דאָס יינגל: — ווי אַ מענטש
גריסט דער הונט זיך און ער בענטשט.
אַזאַ מאָדנער טאָג איז היינט —
יעדערער וויל זיין מיין פריינד.
דו ביסט הונט, פאַרוואַרף דיין קאָפ,
ביל און ביל, און לאָז מיך אָפּ.
גיט דער הונט אַ האַוו און רעדט:
— אין דער נאַכט, אין שפּעטער שפּעט
ליג איך ביי דער צוים און היט.
הער איך גאַנג פון וויטסטע טריט.
טרעפט, איך ביל צום הימלבלוי,
ווייל ס'איז אומעטיק אַזוי —
אַט דערפאַר אַ גוטע נאַכט!
זאָגט דאָס יינגל:
יאָ, מיין הונט, דו ביסט גערעכט
איך בין נאַריש, איך בין שלעכט.
אַ גוטע נאַכט דיר הונט,
אַ גוטע נאַכט.
אין יענעם טאָג
האָט עטוואָס אין זיין האַרצן אויפגעהעלט.
ווען יינגעלע איז ווידער אַרויס אין פעלד,
צי ער האָט אין דער הויך געזען אַ שוועלבעלע,
צי ער האָט אין דער נידער געזען אַ קעלבעלע
צי מענטשן אויף דער ערד,
צי אַ קו, צי אַ פערד, —
האָט ער הויך אַריינגעשריגן אין דעם אָפענעם טאָג:
גוט מאָרגן אייך!
און אָפּגעקלונגען האָט עס איבער באַרג און טאָל

מיט אַ ליכטיק קול:
— גוט מאָרגן אייך!
— גוט מאָרגן וועלט!
— ג ו ט מ אָ ר ג ן!

118. די וועווערקע.

עס איז געוואָרן פרילינג, האָט מען יודין גענומען אין פּאַרק אַריין זען, ווי עס קומען אַרויס די בלימעלעך און גרעזעלעך. מיטאַמאָל האָט יודי דערזען אַ וועווערקע.

די מאַמע האָט מיטגענומען ניסעלעך, האָט זי געגעבן יודין איינס און געהייסן אים וואַרפן דער דער וועווערקע.

— איך וויל אַ גלעט טאָן די וועווערקע, — האָט יודי געזאָגט און איז צוגעלאָפן צו איר. נאָר זי איז אַנטלאָפן פון אים.

— העי, וועווערקע, קום אַהער, איך וועל דיר געבן אַ ניסעלע, — האָט יודי געשריגן.

נאָר די מאַמע האָט אים געזאָגט, אַז די וועווערקע וועט צוקומען צו אים שפּעטער, ווען זי וועט זען, אַז ער ברענגט איר אַ סך ניסעלעך און אַז ער טשעפּעט זי נישט.

האָט יודי מיט דער מאַמע זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט און געזען ווי די וועווערקע לויפט צו צום ניסעלע, נעמט עס אַריין אין אירע לאַפּקעלעך און דרייט עס אויף אַלע זייטן צו זען, צי עס איז אַ פאַרמאַכט ניסל. דאַן לייגט זי דאָס צווישן די ציינדלעך און אַנטלויפט מיט דעם אין איר נעסט אויפן בוים, וווּ עס וואַרטן אירע קינדער.

יודי האָט דאָס אַלץ געזען און עס איז אים געפעלן געוואָרן.

119. אונדזער פערד.

אַלע ביי אונדז האָבן סירקען זייער ליב געהאַט, איבערהויפּט מיר, די קינדער. ווי נאָר מיר פלעגן דערזען סירקען, גייענדיק אַהיים, פלעגן מיר גלייך אַרויסלויפן און אים איבערנעמען, אָנרייסן פאַר אים ווייך גראָז, אַרויסטראָגן פאַר אים ברויט מיט זאַלץ. מיר פלעגן קריכן אויף אים, זיך דרייען אונטער זיינע פיס, און ער פלעגט זיך שטיין רויק, שטיל.



איינמאָל האָט סירקע געפירט איבער אונדזער געסל אַ גרויסן וואָגן. אונדזער קליינע עטעלע האָט זיך גראָד געשפּילט אינמיטן גאַס.

ווי נאָר עטעלע האָט דערזען דאָס פערדל, אַזוי האָט זי גלייך אַ שפּרונג געטאָן צו אים, גענומען לאַכן, מאַכן מיט די הענטלעך, עפּעס רעדן.

די מאַמע האָט דאָס פון דערווייטן דערזען. זי איז געוואָרן בלייך פון שרעק. נאָך עטלעכע טריט — און דאָס פערדל פאָרט אַרויף אויף עטעלען און דערשטיקט

זי. ווײַל װוּ צו פֿאַרקערעװוען האָט עס נישט: דאָס געמל איז זײער שמאָל.

אָבער װאָס האָבן מיר פּלוצעם דערזען?

סירקע נעמט זי אָן מיט די צײן פֿאַרן קלײדעלע אַזוי פֿאָרזיכטיק, טראָגט זי אָפּ עטלעכע טריט און לײגט זי אַװעק אין אַ זײט. אַלײן גײט ער זיך װײַטער און קוקט נאָך אַהינטער, ער זאָל נישט פֿאַרטשעפּן עטלעכן מיט אַ ראָד.

120. דער באָבע דאָבעס ציגעלע.

די באָבע דאָבע האָט געהאַט אַ קלײן ציגעלע. זעלטן װען האָט דאָס ציגעלע שפּאַצירט אַלײן, און אַז עס פֿלעגט אַרױסגײן פֿון הױף, האָט עס זיך געװוּנדערט אױף אַלץ.

אײנמאָל האָט עס די באָבע גענומען אױף דער לאָנקע. דאָס ציגעלע האָט זיך געװוּנדערט: אױ, װיפֿל בלומען און װיפֿל גראָז!

די באָבע מיטן ציגעלע האָבן זיך געזעצט אָפּרוען בײַם װאַסערל. דאָס ציגעלע האָט דערזען אין װאַסער אַ ציג... האָט זיך עס שטאַרק פֿאַרװוּנדערט: פֿונװאַנען האָט זיך דאָרט גענומען אַ ציגעלע?

פֿון גרױס פֿאַרװוּנדערונג האָט עס גענומען שאָקלען מיטן קאָפּ. די צװײטע ציג האָט געטאָן דאָס זעלבע.

— דאָס איז שױן צו פֿיל! פֿאַרװאָס מאַכסטו מיר נאָך?

דאָס ציגעלע האָט זיך אײַנגעבױגן נידעריקער און אַ שפּרונג געטאָן גלײַך אױף דער צװײטער ציג אַרױף.

— ברר... — האָט זיך דאָס ציגעלע אַ טרייסל געטאָן אין וואַסער.
אָבער ווו איז דאָס צווייטע ציגעלע ?
אויפן וואַסער זיינען געבליבן נאָר עטלעכע גרויסע רייפן.



ווידער פרילינג

121. דער פרילינג קומט.

דער פרילינג קומט, דער פרילינג קומט!
דאָס טייכל רוישט, דאָס טייכל ברומט,
די זון פון העלן הימל שיינט.
איך האָב געזען שוין שוואַלבן היינט,
די פרילינגס־געסט, די ליבע געסט,
זיי פלעכטן שוין ביי אונדז אַ נעסט.

ווי פריי און ליכטיק איז אין פעלד!
אַ נייע וועלט, אַ שיינע וועלט,
אַ גוטער מלאך האָט ביינאַכט
די בלימלעך אויף דער ערד געבראַכט,
און ס'פליען פלאַטערלעך אַרום
פון גראָז צו גראָז, פון בלום צו בלום.

און רוישיק איז אין אַלטן וואַלד,
ער וועט אינגאַנצן גרין זיין באַלד;
די צווייגן ציען זיך אַרויף
די ברוינע פלאַנצן בליען אויף,
עס רוישט און שאַלט, און זינגט און ברומט:
דער פרילינג קומט, דער פרילינג קומט!

122. צווִיטשי, צווִיטשי.



צווִיטשי, צווִיטשי, צווִיטשערײ —
פרילינג קומט שוין אױפֿדאָסנײ!
פײגל גרויסע,
פײגל קלײנע,
אַלע פֿרײלעכע און שײנע,
קומען מיט אַ צווִיטשערײ
מיטן פרילינג אױפֿדאָסנײ.
פֿונוואַנען קומט איר, חברה־לײט?
צווִיטשי, צווִיטשי פֿון דער װײט —
פֿון די פֿעלדער,
פֿון די װעלדער,
פֿון די וואַרעמע דרום־לענדער.
צווִיטשי, צווִיטשי, פֿון דער װײט,
צו אײַך, קינדער, חברה־לײט!



123. באַלעסלאַוו ביערוט.

דער ערשטער בירגער פון דער פוילישער רעפובליק.

באַלעסלאַוו ביערוט איז געבוירן געוואָרן דעם 18־טן אַפּריל 1892 יאָר.

זיינע עלטערן זיינען געווען אָרעמע פויערים. זיי האָבן שווער געאַרבעט און שווער געלעבט.

אין יענער צייט האָבן אָרעמע קינדער, בפרט פויערישע, נישט געקענט זיך לערנען אין קיין שול. אָבער באַלעסלאַווס עלטערן האָבן אָפּגעשפּאָרט פונעם לעצטן און אים געלערנט.

פון קינדוויז אויף האָט באַלעסלאַוו ביערוט זיך צוגעקוקט צום לעבן פון אָרעמען פאָלק, און פון די פריסטע יאָרן האָט ער געפילט אַ ליבע צו די אַרבעטנדיקע פון שטאָט און דאָרף.

נאָך ווען ער איז געווען אין שול, האָט ער אָנטייל־גענומען אין אַ שטרייק פון שילער קעגן די אונטערדריקער פון פוילישן פאָלק. פון דעמלט אָן איז באַלעסלאַוו ביערוט שטענדיק געווען צוזאַמען מיט די, וואָס האָבן געקעמפט פאַרן גוטס און פאַר דער פרייהייט פון פוילן. נישט איינמאָל האָט מען אים דערפאַר פאַרשפּאַרט אין תפיסה.

אָבער ביערוטן האָט קיין זאַך נישט אָפּגעשראָקן.

אויך אין די פינצטערע צייטן פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט באַלעסלאַוו ביערוט אָנגעפירט מיטן קאַמף פון פוילישן פאָלק קעגן די היטלעריסטן.

און ווען פוילן איז באַפרייט געוואָרן, איז ביערוט אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן פּרעזידענט פון דער פוילישער רעפובליק.

היינט ווערט פוילן אויפגעבויט. עס קומען צו אַלע

מאָל נייע פאַבריקן און הייזער, וועגן און מאַשינען, שולן און שפּיטאָלן. די אַרבעטער און פויערים פון גאַנצן לאַנד אַרבעטן אָן אויפהער, אַז דאָס לעבן פון גאַנצן פאָלק זאָל ווערן אַלץ בעסער און שענער, אַז ס'זאָל שוין מער קיין מלחמה נישט זיין אויף דער וועלט.

ביי דער אָנפירונג פון גאַנצן לאַנד שטייט דער פּרעזידענט באָלעסלאַוו ביערוט.

124. אַ גוטע בשורה.

דער ווינט דער לויפער האָט לאַנג אויף איין אָרט נישט געקענט זיצן. ער איז געלאָפן אין וואַלד, מיט זיין וואַרעמען אָטעם אַ כאַפּ געטאָן די ביימער פאַר זייער הוילע קעפּ און געגומען פריילעך רוישן.

— עס קומט שוין דער פרילינג! ער איז שוין נישט ווייט! איך אַליין האָבן אים געטראָפן אויפן וועג. וועקט זיך אויף פון שלאָף!

— איז דאָס טאַקע אמת? — פרעגן די ביימער.

— איך מעגט מיר גלייבן! — האָט נישט פאַרענדיקט דער ווינט און איז אַנטלאָפן ווייטער.

ביי אַ בוים, וווּ ס'האָט געוווינט די אַלטע וועווערקע, האָט זיך דער ווינט פאַרהאַלטן.

— פוק! פוק!

— ווער איז דאָס? — פרעגט פאַרשלאָפן די וועווערקע.

— דו דערקענסט מיך נישט? דאָס בין איך אַליין, דער ווינט. איך וויל דיר איבערגעבן אַ וויכטיקע נייעס.

— וואָס? וואָס? — פרעגט שוין העכער די וועווערקע.

— דער פרילינג גייט!

— ווי גוט! — פרייט זיך די וועווערקע. מיין שפּייז האָט זיך שוין טאַקע געענדיקט. אַ דאַנק דיר פאַר דיינע גוטע נייס.

דער ווינט איז שוין נישט געווען און נישט געהערט דער וועווערקעס לעצטע ווערטער.

ער איז אַוועק אין פעלד, וווּ אונטער אַ שטיין איז געשלאָפן אַ קליין העזעלע.

— שטיי אויף פון שלאָף!

— וואָס איז געשען? זיינען אין פעלד געקומען הינט? — פרעגט ציטעריק דאָס העזעלע.

— וואָס פאַרא הינט? לאָז זיי צו רו! איך וויל דיר זאָגן אַ וויכטיקע זאַך: דער פרילינג, דער פרילינג קומט אָן!

— דער פרילינג? איז עס טאַקע ריכטיק?

— כ׳האָב אים אַליין געזען!

— אָ, ווי גוט! אינגיכן וועט זיין גרין גראָז, ס׳וועט זיין וואָס צו עסן. ס׳וועט אויך זיין גרינגער זיך צו באַהאַלטן. ס׳וועט ווערן גרינגער צו לעבן.

— אַ גוטן טאָג! כ׳לויף ווייטער. כ׳וויל אויך אַנדערע איבערגעבן די נייס.

ער האָט אַ בלאָז געטאָן און געלאָפן ווייטער.

125. די זון און פרילינג.

פאַרטאָג איז די זון אויפגעשטאַנען, האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט צו אירע שטראַלן:

— מע דאַרף אויפוועקן פון שלאָף די פיאָלקעס, ערשטלינגען און די קליינע מאַרגעריטקעס!

— פּעפערס וואָס זיי זיינען! איר מוזט זיי זאָגן, אַז עס איז שוין פרילינג! עס איז שוין צייט פאַר זיי אויפצועפענען די קרוינבלעטעלעך. מע דאַרף באַפּוצן די ערד.

די זון האָט נאָך נישט באַוויזן צו ענדיקן די רייד, ווי אויפן הימל האָט זיך באַוויזן אַ גרויסער שניי־וואָלקן.

— עס איז מיר שווער, — סאָפּעט דער וואָלקן און קרעכצט.

און עס האָבן אָנגעהויבן פאַלן שניי־פליטערלעך.

— ביסט געדעכט! — האָט אַ פייף געטאָן הויך דער ווינט.

די ערשטלינגען האָבן אַראָפּגעלאָזט זייערע קעפּלעך.

— עס איז אונדז קאַלט, — האָבן זיי זיך געקלאָגט.

די שטראַלן האָבן זיי באַרויקט:

— האָט נישט קיין מורא, מיר היטן אייך און וועלן נישט לאָזן, אַז איר זאָלט פאַרפרוירן ווערן.

— העי, שטראַלן! לויפט וואָס גיכער אויף דער ערד! איר מוזט פאַקן דעם שניי, איידער ער פאַלט אויף דער ערד, — האָט באַפוילן די זון.

עס האָבן זיך אַ שיט געטאָן אויף דער ערד אַזוי פיל שטראַלן, אַז עס איז שווער געווען זיי איבערצוציילן, זיי

זיינען געלאָפן גיך, איינער האָט געוואָלט איבעריאָגן דעם צווייטן:

— שטיי, שטיי! — שרייען זיי צום שניי.

דער שניי פאַלט וואָס שנעלער און שנעלער. אָבער די שטראַלן האָבן זיי דעריאָגט און פון זייער וואַרעמען אָטעם, האָט דער שניי אָנגעהויבן צו צעגיין.

אויף דער ערד האָט אָנגעהויבן פאַלן אַ רעגן, טראָפּן נאָך טראָפּן.

126. וווּ וווינט די זון?

אין וואַלד צווישן ביימער
האָב איך די זון געזען,
זי איז געגאַנגען שלאָפן,
עס איז פאַרנאַכט געווען.

און איין מאָל, איך דערמאָן זיך,
איז זי אַריין אין טאָל,
און אויף אַ באַרג אַ הויכן
איז זי אַרויף אַמאָל.

כ'האָב אויך געזען, ווי זי איז
אַמאָל אין ים אַריין,
האָב איך געמיינט אויף זיכער —
איר היים מוז דאָרטן זיין.

און איך האָב זיך געוווּנדערט:
וווּ קאָן זי וווינען פאָרט,
אַז תּמיד גייט זי שלאָפן
אין גאָר אַ נייעם אָרט?

127. ווי אַזוי די קינדער האָבן געזוכט דעם פרילינג.

די לערערין האָט אויפגעעפנט דאָס פענצטער און טיף אָפּגעאָטעמט:

— דער פרילינג קומט אָן! — האָט זי געזאָגט.

— ווו, ווו, ווייזט אונדז! — האָבן זיך געבעטן די קינדער.

די לערערין לאַכט:

— ווו? אומעטום! איך האָב אים אַריינגעלאָזן דורכן פענצטער, און איצט גייט איר און זוכט דעם פרילינג! זוכט אים אין פעלד און אין וואַלד, אויף דער לאָנקע און אין גאָרטן. כ׳בין נייגעריק צו וויסן, ווער פון איך וועט מיר ברענגען דעם שענסטן סימן פון פרילינג!

— זייער גוט, אויסגעצייכנט! — האָבן אַלע קינדער מיטאַמאָל אויסגערופן.

די ערשטע איז צוריקגעקומען חנהלע. זי איז געווען נישט ווייט פון וואַסער און געבראַכט ווערבענע קעצלעך. עליע איז געווען ביים וואַלד און געבראַכט בעראָזעווע בערעלעך.

הינדעלע איז געווען די יינגסטע, זי האָט אָוועקגעשפּאַצירט ביז נאָענטן בערגל. דאָרט האָט זי אין צעגייענדיקן שניי געפונען ווייסע שניי־בלימעלעך.

דער לעצטער איז געקומען לייבל און געבראַכט אין האַנט אַ קליין זשוקל.

איז ווער האָט געבראַכט דעם שענסטן סימן?

128. דער שיפער.

ס'האָט דער רעגן אויפגעהערט,
דער הימל איז שוין אויסגעקלערט,
נאָר די דעכער זיינען נאַס.
רינען טייכעלעך אין גאַס —

רינען, רינען, רינען!
כ'האָב מיין שיפעלע געפונען,
אויפן וואַסער עס געלאָזט.
און עס קומט דער ווינט און בלאָזט,

יאָגט מיין שיפעלע געשווינד
אויף די פליגל פונעם ווינט.
פלי דיר, פלי, מיין שיפעלע!
און וווהין פליסטו, שיפעלע?

— צו דער פרייער וועלט אַהין,
וווּ ס'איז ליכטיק, וווּ ס'איז גרין,
פויגל זינגט, בלימל בליט.
שיפל, שיפל, נעם מיך מיט!

129. ביים דענקמאָל.



19־טער אַפּריל. אַ וואַרעמער טאָג איז דאָס געווען. עס איז געוואָרן שטיל אויף דעם געטאָ־פּלאַץ אין וואַרשע. אַלע זיינען שוין לאַנג אַוועק, נאָר שימעלע מיט זיין פּאָטער זיינען געבליבן.

דער פּאָטער האָט אים דערציילט, אַז דאָ, אין דער געגנט, האָבן אַמאָל געוווינט אַ סך, אַ סך יידן. די דייטשן האָבן געמאַכט אַ געטאָ. דריי יאָר זיינען יידן געווען פאַרשפּאַרט אין געטאָ. זיי האָבן מער נישט געוואָלט ליידן און געמאַכט אַן אויפשטאַנד. די יידן האָבן לאַנג געקעמפט און זיך נישט אונטערגעגעבן. דאַן האָבן די דייטשן אומגעבראַכט די מענטשן און צעשטערט די הייזער.

— זע, — זאָגט שימעלעס טאַטע און ווייזט אָן אויפן דענקמאָל — אַפילו פרויען און קליינע קינדער האָבן געהאָלפן די קעמפער.

אייביק וועט שטיין דאָ דער דענקמאָל און דערמאָנען אין די העלדישע געטאָ־קעמפער — האָט שטיל פאַרענדיקט דער פּאָטער.

130. ביי די גרעזעלעך.

שטייט אַ ייִנגעלע אינדרויסן אין אַ שיינעם פֿאַרנאַכט, פֿאַר זון־אונטערגאַנג.

שטייט אַזוי און קוקט.

גרינע גרעזעלעך בייגן זיך און שאָקלען זיך. אַ שטיפֿעריש ווינטעלע גלעט זיי און קושט זיי, בייגן זיי זיך און סודען זיך — באַרימען זיך:

— מיט מיר האָט אַ ווינטעלע אַ שטיפֿ געטאָן.

— מיך האָט עס אַ גלעט געטאָן.

— און מיך אַ קוש געטאָן.

שטייט דאָס ייִנגעלע און הערט זיך איין. גלוסט זיך אים אויך אַ ווינטעלע זיין. מיט גרעזעלעך שטיפֿן, זיי גלעטן און קושן.

בייגט ער זיך איבער די גרעזעלעך, גלעט זיי מיט די הענטעלעך, בייגן זיך די גרעזעלעך און ברעכן זיך:

— ייִנגעלע, באַרעכן זיך! דו לאָזט דאָך אונדז נישט וואַקסן. דיינע הענטעלעך צעקוועטשן אונדז. דו ביסט דאָך אַ קינד נישט קיין ווינט. ווינטל־ווינטעלע גיט אַ שטיפֿ נאָר און אַ גלעט, אַ קוש נאָר, בלויז אַ קוש, און דאָס מיילעכל אָפּגעווישט...

טראַכט דאָס ייִנגעלע: גערעכט! נישט לאָזן וואַקסן איז נישט רעכט. נעמט ער אַראָפּ פֿון זיי די הענטעלעך און שטייט אַזוי און קוקט זיך צו און הערט זיך איין.

אַ שטיפֿעריש ווינטעלע רעדלט זיך צווישן די גרעזעלעך; צעטאַנצן זיי זיך און סודען זיך — באַרימען זיך:

— מיט מיר האָט אַ ווינטעלע אַ שטיפֿ געטאָן.

— מיך האָט עס אַרומגענומען.
— און מיט מיר אַ טאַנץ געטאָן.
— מיט מיר פריער.
— פריער מיט מיר!

הערט אַזוי דאָס ייִנגעלע, הערט זיך איַין, פאַרגלוסט זיך אים אויך אַ גרעזעלע זיין. זאָל אויך מיט אים אַ ווינטעלע שטיפן, אים אַרומנעמען און טאַנצן מיט אים. לייגט ער זיך אַריין אין די גרעזעלעך, זיך אויסצומישן מיט זיי, ווערן ווי זיי. צעקוועטשן זיי זיך, צעברעכן זיך, צעקרעכצן זיך:

— ייִנגעלע, באַרעכן זיך! דו לאָזט דאָך אונדז נישט וואַקסן. ס'איז נאָך צו פרי, דו זאָלסט דיר מאַכן דאָ דיין בעטעלע. מיר דאַרפן ערשט אויסוואַקסן גרויס, הויך. ווען דיר וועט זיין טרוקן און ווייך, דעמלט, דעמלט — יאָ. אָבער היינט איז נאָך פייכט און קיל, ערשט אָנהייב פרילינג, דו קענסט נאָך כאַפּן אַ פאַרקילונג, עס קען דיר גוט פאַרשאַטן. לויף נאָר פרעגן דער מאַמען, צי דעם טאַטן!

די זון האָט זיך געזעצט און באַגאָסן דאָס ייִנגעלע מיט אַ רויטלעכן שיין. דאָס האָט אויסגעזען, ווי ער האָט זיך פאַרשעמט.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַריין אין שטוב אַריין, עסן וועטשערע און זיך לייגן שלאָפן.

די צעקניטשטע גרעזעלעך האָבן זיך גענומען אויפקניטשן, אויסגלייכן און אים נאָכגעקוקט ביז ער איז אַריין אין שטוב אַריין. ביז ער האָט אָפּגעגעסן וועטשערע, ביז ער האָט זיך שלאָפן געלייגט, די אייגעלעך פאַרמאַכט — אַ גוטע נאַכט.

131. פרילינג אין שטאָט.

דער הימל ריין, דער הימל בלוי,
עס שימערט און עס שיינט;
און פרעמדע מענטשן גריסן זיך,
אַזוי ווי גוטע פריינד.

די גאַס איז פול מיט קינדערלעך,
מע טאַנצט ביי יעדן הויז;
און פון אַ פענצטער שמייכלענדיק
אַ מאַמע קוקט אַרויס.

ס'איז שיינענדיק, און לעבעדיק,
און טומלדיק אַרום;
אין מיטן גאַס צוויי שפּערעלעך,
צוויי קליינע טאַנצן אום.

טשיר־טשיר, טשיר־טשיר, מיין טייערע,
ס'איז פרילינג, וואָס זאָגסטו ?
— געוויס, מיין ליבער, — צווישערט אויך
זיין חברטע אים צו.

אוןביידע אויף דער מיט פון גאַס
צופרידן טאַנצן אום.
ס'איז לעבעדיק, און טומלדיק,
און שיינענדיק אַרום.

132. ווער האָט געזען דעם ווינט?

ווער האָט געזען דעם ווינט ?
נישט איך און נישט דו — סיי ווי סיי.
נאָר ווען די בלעטער הענגען ציטערנדיק,
גייט דער ווינט פאַרביי.

ווער האָט געזען דעם ווינט ?
נישט איך און נישט דו — סיי ווי סיי.
נאָר ווען די ביימער בייגן איין זייערע קעפּ,
גייט דער ווינט פאַרביי.

133. אין שול־גערטעלע.

אונדזער קלאַס האָט באַקומען אַ ווינקעלע אין שול־גאָרטן. אַרבעטן אויפן שול־גאָרטן — דאָס איז אונדזער גרעסטע פרייד. מיר אַלע האָבן אָנגעבראַכט רידלען און זיך געשטעלט גראָבן.

— גראָבט טיף ! — האָט אונדז געזאָגט דער לערער.

מיר האָבן זיך געפליסט מיט אַלע כוחות, אַרײַנגעשטעלט דעם רידל טיף, אונטערגעשטופּט מיטן פוס, אַזש דער שווייס האָט געררונען. די, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין רידלען, האָבן צונויפגעקליבן די שטיינער און צונויפגעוואָרפן זיי אין אַ קופּע.

מיר פילן זיך גאָרנישט פאַרמאַטערט און וואָלטן, דוכט זיך, געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג. צעגראָבן די ערד, האָבן מיר געמאַכט בייטן. דער לערער האָט זיי

אויסגעגלייכט מיט ווייסע שטיינדעלעך. דאָן האָבן מיר גענומען זייען. מיר האָבן געמאַכט לאַנגע גראָבנדלעך, אַריינגעשאָטן אַהין קערנער און ווידער באַשיט די ערד.
אויף די בייטן האָבן מיר אויך פאַרפלאַנצט פאַרשידענע בלומען: אויסגעגראָבן טיפע גריבעלעך, אַריינגעשטעקט אַהין די פלאַנצן, פעסט צוגעדריקט די ערד אַרום און גלייך באַגאָסן. אונדזער גערטעלע איז פאַרטיק. איצט דאַרפן מיר גאָר אָפּט באַגיסן די בייטן.

134. מיין גערטל.

כ'האָב אַ גערטעלע אַ קליינס,
נישט געפּוצט נאָר מלא חן.
איר וועט גלייבן ? כ'האָב מיט מיינע
הענט עס אויסגעזעצט אַליין.

רויטע רעטעכלעך גערֿאָט מיר,
ליכטיק שיינט דאָ דער סאַלאַט,
און אַן אוגערקע גנביש
קוקט פון אונטער יעדן בלאַט.

פון אַ ווינקעלע די מיאַטע
זיסע ריחות דאָ פאַרשפּרייט,
און מיט קרייטעכצער און גראָז שמעקט,
וואָס איך האָב גאָר נישט פאַרזייט.

האָט עס נישט קיין רייען ביימער
און קיין בלומען אַלערליי,
אָבער גרינוואַרג — פולע בייטן,
וואָס דאָס האַרץ גלוסט, וואַקסט אויף זיי.

בליט דער מאָן מיט רויטע קווייטן,
און די זונבלום שמייכלט ברייט
מיט איר ליכטיק פנים פרידלעך —
ס'איז אַ גערטעלע אַ פרייד!

קומט אַ בינעלע צו גאַסט דאָ,
זוכט זי האָניק און געפינט,
פרווט פון אַלץ אויס, ווי אַ מבין —
זאָל עס זיין איר צו געזונט!

איך באַשיץ דאָ און באַשפּריץ דאָ
יעדעס בלעטעלע און זאַנג;
ס'איז מיין גערטעלע, מיין חיות —
זאָל עס בלייבן מיר אויף לאַנג!

135. אונדזער גאָרטן.



רחל און מאיר ווינען אין אַ קליין הייזעלע הינטער דער שטאָט, זייער הייזל איז אַרומגעצוימט מיט אַ גרינעם פּאַרקן. אַרום דעם הויז איז אַ גרויסער הויף. דאָרט געפינט זיך אויך אַ קליין גערטעלע. אונטער די פענצטער האָבן די קינדער איינגעפלאַנצט ווייסע נאַרציזן, רויטע טולפּעס, ראָזע מאַרגעריטקעס און סאַמעטענע חנהלעס אייגעלעך.

רחלע האָט אַ קלאָמב און אינמיטן האָט זי איינגעזעצט אַ רויזן־קוסט. זי האָט אים באַקומען אין האַרבסט פון פעטער.

— פאַרדעק אים גוט אויף ווינטער, — האָט איר געזאָגט דער פעטער און איר געוויזן, ווי אַזוי מע דאַרף דאָס טאָן.

איצט האָט דער קוסט שוין גרינע בלעטער. רחלע און מאיר באַקוקן אים אַלע טאָג און זוכן אויף אים נייע קנאָספּן.

— אוי, די רויזן האָבן גאָרנישט בדעה צו בליען, — זיפצט רחלע. — אין פּאַרק האָב איך שוין געזען בליענ־דיקע רויזן!

— האָב נישט קיין מורא! זאָגט דער פעטער.

ווארטן די קינדער. זיי האָבן אַ סך אנדערע אַרבעטן אין גאָרטן. ביים פּלויט האָבן זיי געמאַכט אַ בייטל און פאַרזייט גרינס: אַ ביסל פּיעטרושקע, אַ ביסל מערן, אַ ביסל סאַלאַטע, גרינעם אַרבעס און אַ סך, אַ סך רעטעכלעך.

די קינדער היטן גוט זייערע געוויקסן. זיי רייסן אַרויס די ווילדגראָזן און באַגיסן די בייטן.

— קינדער, כ׳בין צופרידן פון אייך! איר זענט גוטע גערטנער, — זאָגט דער טאַטע — אין האַרבסט וועל איך אייך קויפן פרוכט־ביימלעך. וועלכע ווילט איר?

— איך וויל קאַרשן, נאָר רויטע — רופט אויס מאיר.

— איך אַן עפּלביימל, כ׳וועל אונטער אים אַוועקשטעלן אַ באַנק, ווען עס וועלן קומען צו מיר מיינע חברטעס, וועל איך זיצן דאָ אין שאָטן.

— איך וועל פאַרפלאַנצן מיין קאַרשנבוים פון דער צווייטער זייט פון הויז. דאָרט איז דאָ אַ פריי אָרט.

די קינדער זיינען צופרידן און נעמען זיך מיט חשק ווייטער צו דער אַרבעט.

ווען די זון פאַרגייט, פאַרלאָזן די קינדער דעם גאָרטן. ביינאַכט, ווען די קינדער ליגן אין די בעטן, טרוימען זיי וועגן פולע קוישן פרוכט פון די נאָך נישט פאַרזעצטעביימער.



136. דער ערשטער מאַי.

היינט איז לויטער, זון און הימל,
און די ערד איז גרין און שיין,
אויפן גרויסן אַרבעט־יום־טוב
פריילעך, קינדער, לאָמיר גיין!
הויך די רויטע פאָן געהאַלטן,
שטאָלץ געגאַנגען — איינס, צוויי, דריי!
אומעטום זאָל זינגען, קלינגען:
לעבן זאָל דער ערשטער מאַי!

137. אַן איינפֿאַל.

עטלס טאַטע איז געקומען אַהיים און האָט דערציילט, אַז דעם ערשטן מאַי וועט ער מיט די אַרבעטער פֿון דער פֿאַבריק גיין אויף אַ דעמאָנסטראַציע. מע וועט גיין איבער די גאַסן מיט לידער, מוזיק און פֿאָנען.

— נעם מיך מיט, טאַטע! — האָט עטל געבעטן.

— גוט, — האָט צוגעזאָגט דער טאַטע.

עטל לייגט זיך שלאָפֿן. זי האָט אָבער מורא. זי האָט אָבער מורא, טאָמער פֿאַרשלאָפֿט זי, און דער טאַטע וועט פֿאַרגעסן זי נעמען אויפֿן פֿאַראַד.

דער טאַטע שלאָפֿט שוין לאַנג, און עטעלע ליגט, טראַכט און האָט מורא איינצושלאָפֿן. מיטאַמאָל שפּרינגט זי אַראָפּ פֿון בעט; זי זוכט אויס אַ לאַנג שטריקל און בינדט עס צו מיט איין עק צום טאַטנס שוך און מיט דעם צווייטן עק צו איר האַנט. אינדערפֿרי, ווען דער טאַטע איז אויפֿגעשטאַנען און געוואָלט אָנטאָן די שיך, האָט ער דערזען ביים שוך אַ שטריקל. ער האָט אַ שטאַרקן צי געטאָן פֿאַרן שטריקל. עטל האָט אַ געשריי געטאָן און זיך אויפֿגעכאַפּט.

— איך האָב מורא געהאַט, אַז דו וועסט פֿאַרגעסן מיך צו וועקן פֿון שלאָף, — האָט עטל געזאָגט מיט אַ פֿריילעך געלעכטער, — האָב איך צוגעבונדן דאָס שטריקל.

זי האָט זיך אויף גיך אָנגעטאָן, אָפּגעגעסן און אַוועק מיטן טאַטן. אירע אייגלעך האָבן געגלאַנצט, זי האָט זיך פֿריילעך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, און אַלע האָבן געקוקט אויף דעם קליינעם מיידעלע, ווי זי גייט אין די רייען ווי אַ גרויסע.

138. ערשטער מאַי.

הײַנט איז יום־טוב, הײַנט איז פֿרילינג,
אונדזער פֿרילינג — ערשטער מאַי,
מאַי און פֿרילינג אונדזער צווילינג.
יום־טוב־פֿרילינג, יום־טוב פֿרײַ.

באַראַבאַנען, הערט, דערמאָנען,
אַז מע גייט הײַנט נישט אין שול,
אָפּגעשטעלט פֿאַבריקן, באַנען,
און מיט פֿרייד די גאַסן פֿול.

לאָמיר מיט די טריט אויסשלאָגן,
ליד פֿון פֿרײַ, פֿון מאַי און זון,
זאָל דאָס ליד זיך ווײַט צעטראָגן,
ווו מען ווייסט נאָך נישט דערפֿון.

קומט אין גאַס און לאָמיר שפּאַנען
צו דעם טאַקט פֿון פּויק און ליד,
הימל־בלוי, און פֿרײַ די פֿאָנען,
אונדזער מאַי האָט זיך צעגליט.

צווישן קינדער

139. צווי חבֿרטעס.

באַשעלע זיצט תּמיד אויף איין באַנק מיט איר חבֿרטע ביילען.

באַשעלע איז עלטער פֿון ביילען מיט אַ יאָר און זי האָט אַכטונג געגעבן אויף איר יינגערער חבֿרטע, פּונקט ווי אַ גרויסער מענטש אויף אַ קליין קינד. זי האָט זיך געשפּילט מיט איר אויף דער פּויזע, געטיילט מיט איר דאָס עסן, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט אין שול. באַשעלע פֿלעגט אויך אָפֿט קומען אַהיים צו ביילען, געמאַכט מיט איר די לעקציעס, דערנאָך באַנייס זיך געשפּילט צוזאַמען, און שוין געבליבן ביי דער חבֿרטע ביז שפּעט.

איינמאָל אינדערפֿרי קומט באַשעלע צו גיין אין דער שול און טרעפֿט נישט ביילען.

זי האָט געמיינט אין אָנהייב, אַז איר חבֿרטע האָט פֿאַרשפּעטיקט און זי וועט נאָך אָנקומען. בעת דער ערשטער לעקציע האָט זיך באַשעלע געמאַטערט. עס איז געווען אומעטיק צו זיין אַליין; כאָטש דער גאַנצער קלאַס איז געווען פֿול מיט קינדער, יינגלעך און מיידלעך,

אַלע אירע גוטע חברטעס און חברים, וועלכע האָבן זי ליב געהאַט, נאָר זי האָט געבענקט נאָך ביילען און געוואַרט אויף איר; זי האָט כמעט קיינעם נישט געהערט רעכט, אַפילו נישט דעם לערער.

דערווייל איז אַריבער די ערשטע פויזע. עס האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע לעקציע, און ביילע איז אַלץ נישט געקומען.

דאָ איז שוין באַשעלע געוואָרן אומרויק... ס'האָט אַוודאי מיט איר חברטע, מיט ביילעטשקען, געמוזט עפּעס טרעפן. טאָמער איז זי גאָר קראַנק געוואָרן, זיך פאַרקילט? און זי, באַשע־נאַר, זי זיצט ווי אַ גולם און טוט גאָרנישט...

באַשע האָט שוין נישט געקאָנט איינזיצן רויק אויף איר באַנק. עס האָט זי געהויבן פון אָרט, געטראָגן אַהין צו דער חברטע; איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז יענע ליגט דאָרט ערגעץ איצט, איינע אַליין; זי רופט זי, באַשעלען, צו זיך און וויינט...

אויף דעם קינד דאָ אין שול איז געווען אַ רחמנות צו קוקן. דער לערער, די קינדער — אַלע האָבן געוווסט, וויאַזוי זי האָט ליב ביילען, זי קלערט איבער וועגן איר געזונט. און מע טאָר זי, באַשען, איצט נישט טשעפּען.

באַשעלע האָט זיך קוים דערוואַרט, אַז די לעקציע זאָל שוין זיין געענדיקט.

ווי אַ ווינט איז זי אַרויס פון שול, אַוועקגעלאָפן צו איר חברטע אַהיים.

זי איז אַריין אָן אָטעם צו ביילען אין שטוב און ווי דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט: זי געטראָפן אין בעט מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ...

ביי באַשעלען זיינען פאַרלאָפן די אויגן מיט טרערן. אָן ווערטער האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר חברטע,

זי אַרומגענומען און געהאַלדזט...

איצט איז איר שוין געווען גוט...ביידן איז געווען גוט...

דאַרף זיך מאַכן איינמאָל, אַז צווישן באַשעלען אוןביילען זאָל דורכלויפן אַ שוואַרצע קאַץ, אַז בײדע קינדער זאָלן זיך צעקריגן. וויאַזוי ?

עס איז אויסגעפאַלן באַשעלעס געבורטסטאָג.

די מאַמע האָט איר אויפגענייט אַ ניי קליידל און געמאַכט אַ יום־טוב, אַלציינס ווי אַלע יאָר.

אויפן אָוונט זיינען זיך צונויפגעקומען אַ סך קינדער. יינגלעך און מיידלעך, באַשעלעס חברים און חברטעס פון שול. עס איז געקומען ביילע, לייבקע, יאָסעלע און נאָך אַנדערע. אַלע — אויסגעפּוצט, פיין.

מע האָט אויסגעזעצט די געסט אינעם עסצימער אַרום דעם גרויסן טיש.

אויבנאָן איז געזעסן באַשעלע, אַ שיינענדיקע, אַ גליקלעכע. נעבן זיך האָט זי אַוועקגעזעצט ביילען. ווייטער זיינען געזעסן אַלע איבעריקע קינדער. באַשעלע האָט צו זיי געשמייכלט, זיך איבערגערופן מיט ווערטער, געזען, אַז אַלע זאָלן זיין צופרידן.

די מאַמע האָט גענומען דערלאַנגען צום טיש. צוערשט דעם הייסן שאָקאָלאַד, אין ווייסע פּאָרצעלייענע טעפּלעך, אויף שעלעכלעך, און צובייסן, מיט קיכעלעך.

די קינדער האָבן געגעסן פיין, נישט געאײַלט זיך, גאָרנישט פאַרגאָסן אויפן טישטעך.

ביז די מאַמע האָט דערלאַנגט דעם איבעריקן כיבוד: ניס, טאָרט און קאַלטע געטראַנקען — האָבן די קינדער דערווייל אויפגעזונגען אַלע שול־לידער, וויפל זיי האָבן געקענט.

דערנאָך האָט מען זיך אויפגעהויבן פון די ערטער,

דעם טיש אױסגעדרוקט אין אַ זײַט, און אַלע קינדער האָבן װידעראַמאָל געזונגען, געטאַנצט, געשפּילט אין פֿאַנטן און זיך דערצײלט מעשהלעך.

עס איז געװען אַזױ פֿרײלעך, אַזױ גוט!

אָבער קײנס פֿון די קינדער האָט נישט געזען דאָס, װאָס עס האָט זיך אָנגעהױבן װאַרפֿן באַשעלען אין די אױגן באַלד פֿון אָנהײב אָװנט: אַז עפּעס איז איר בײלע הײַנט נישט װי שטענדיק: באַשע דערקענט נישט הײַנט איר חברטע בײלע, און זי איז טאַקע גוט אױף איר אין כּעס אױך!

אַ גאַנצן אָװנט האָט זיך בײלע געהאַלטן ברוגז, פֿאַרװאָס באַשעלע פֿאַרברענגט נישט בלױז מיט איר אַלײן, נאָר מיט אַלע קינדער באַגלײַך... איז זי געזעסן, בײלע, און זיך געבלאָזן. װיפֿל באַשעלע האָט זי נישט געפּרוּװט אײַננעמען מיט אַ גלעט, מיט אַ שמײכל — נאָר זי האָט זיך נישט געלאָזן.

פּלוצעם האָט בײלע גענומען לאַכן פֿון אײניקע מײדלעך, װיאַזױ זײ האָבן געטרונקען דעם שאָקאָלאַד. באַלד האָט זי גענומען אָפּלאַכן פֿונעם גאַנצן יום־טובֿ און זיך באַרימט, אַז איר מאַמע מאַכט עס שענער...

באַשעלע זעט אַלץ צו. עס קרענקט איר שרעקלעך.

דאָס קינד װערט טרױעריק — הלמאי איר בעסטע חברטע זאָל זיך אַזױ אױפֿפֿירן.

אָבער באַשעלע טראַכט זיך: איצט איז בײלע איר גאַסט און מע טאָר זי נישט אָנרירן... און ס'אַנדערע — זי װעט דאָך נישט גײן, באַשע, אױפֿהײבן אַ קריגערײַ אױפֿן יום־טובֿ? אָבער מאָרגן װעלן מיר שױן זען!...

אױפֿן אַנדערן טאָג אינדערפֿרי.

באַשעלע קומט צו גײן אין שול אַרײַן. זי לױפֿט אַרײַן

אין קלאַס מיט אַ שיינענדיק פּנים, מיט אַ פרייד און געלעכטער. עס דאַכט זיך אויס די קינדער, אַז מיט איר צוזאַמען, ערשט איצט, האָט די זון אריינגעשמייכלט אין שול אַריין, געזאָגט אַלעמען:

— גוט מאָרגן!

באַשעלע זעצט זיך אויף איר אָרט, ווי תמיד, נעבן ביילען. אָבער זי רעדט נישט מיט איר.

די קינדער רינגלען אַרום באַשעלען, מען שפּאַסט און מע לאַכט, ביז עס קומט אַריין דער לערער און עס הייבט זיך אָן די לעקציע.

נאָר אָט קלינגט שוין דער גלאָק, רופט די קינדער אַרויס אין הויף אַריין, אויף דער פּויזע.

אַלע שפּרינגען אויף פון די ערטער. זיי רינגלען ווידעראַמאָל אַרום באַשעלען; מיט איר איינעם, אין טומל און געפילדער, לאָזט מען זיך גיין צום הויף זיך שפּילן.

ביילען האָט קיינער נישט באַמערקט. זי בלייבט אַליין זיצן אין קלאַס...

איצט זעט זי שוין איין, ווי שלעכט זי האָט זיך אויפגעפירט נעכטן ביינאַכט ביי באַשעלען אין שטוב, אויפן יום־טוב... און באַשעלע האָט אַלצדינג צוגעזען און איר אָפּגעשוויגן.

ביילען נעמען שטיקן טרערן. זי לייגט אַוועק דאָס פּנים אויף דער האַנט און צעכליפּעט זיך.

מיטאַמאָל דערשפּירט זי, ווי אַ ווייכע האַנט באַרירט איר קאָפּ, גייט אום אַזוי וואַרעם און שטיל איבער די האָר, איבער אירע פּלייצעס, גלעט זי, נעמט זי איין...

ביידע קינדער האָבן זיך אַרומגענומען און אָן ווערטער געוויינט...

140. כ׳קען עס נישט פֿאַרשטיין.

קומט אַ פֿויגל צו מיין שויב,
קלאַפּט ער דריי מאָל אָן.
פֿויגל קליין, דו פֿויגל שיין —
וואָס קען איך דיר טאָן?

צווי־צווי־צווי־ און צווי־צווי־צווי —
און קיין וואָרט נישט מיין.
צווי־צווי־צווי און צווי־צווי־צווי —
כ׳קען עס נישט פֿאַרשטיין!

קום איך צו אַ וואַסערל,
הער איך ווי עס שרייט.
וואַסער ליבע, זאָג מיר, וואָס
דיין געשריי באַטייט?

פֿליו־פֿליו־פֿליו־ און פֿליו־פֿליו־פֿליו —
און קיין וואָרט נישט מיין.
פֿליו־פֿליו־פֿליו און פֿליו־פֿליו־פֿליו —
כ׳קען עס נישט פֿאַרשטיין.

שושקעט זיך דאָס גאַנצע פֿעלד,
ווען איך גיי פֿאַרביי.
זאַגען ליבע, זאָגט, וואָס מיינט,
אייער שושקעריי?

שו־שו־שו און שו־שו־שו —
און קיין וואָרט נישט מיין.
שו־שו־שו און שו־שו־שו —
כ׳קען עס נישט פֿאַרשטיין.

141. דער ראַדיאָ.

טרעפט זיך איינמאָל אַ מעשה, בערעלע צעוויינט זיך:

— וואָסי ?

— אַן עראָפּלאַן.

— לייבעלען האָט מען געקויפט אַן עראָפּלאַן, וויל איך אויך.

לאַכט דער טאַטע.

איך וויל אַן עראָפּלאַן!... איך וויל אַן עראָפּלאַן...

בערעלע וויינט אָן אַן אויפהער, און דער טאַטע מיט דער מאַמען זיצן שטיל און שווייגן, אָבער זיין געוויין טוט זיי שטאַרק וויי.

פּלוצים הערט אויף בערעלע צו וויינען און הייבט אויף שטיל און פאַרטראַכט זיין קאָפּ:

— וואָס איז געשען ?

אַ שכן, וואָס האָט נאָר וואָס געקויפט אַ ראַדיאָ, האָט אָנגעשטעלט דעם אַפּאַראַט, און דאָס קינד האָט דערהערט זינגען.

בערעלע האָט מיטאַמאָל פאַרגעסן אין דעם עראָפּלאַן, פאַרגעסן אין זיין האַרצווייטיק און געבליבן שטיין מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און געשלונגען דאָס געזאַנג.

— ווי שיין ! — האָט ער געזאָגט.

טאַטע־מאַמע קוקן זיך איבער פאַרגאַפטע און צופרידענע. דערנאָך זאָגט די מאַמע:

— דו ווייסט ,וואָס איך וועל דיר זאָגן, דאָס קינד האָט געוואַלדיק ליב מוזיק און געזאַנג.

דעם שכנס ראַדיאָ האָט טאַקע שטאַרק געצויגן בערעלען, וואָס איז נישט אָפּגעטרעטן פון דער טיר.

יעדעס מאָל, ווען מע האָט דאָרט אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ, איז בערעלע אַריין אין שטוב, געקוקט אויפֿן אַפּאַראַט, און זיין פּנים האָט געשיינט פֿון שמחה.

אַז בערעלעס עלטערן האָבן דערזען, אַז דאָס קינד האָט אַזוי ליב מוזיק, האָבן זיי באַשלאָסן נעמען אַ ראַדיאָ אויף אויסצאָלן.

ווען מען האָט דעם ראַדיאָ געבראַכט, איז אין שטוב געווען אַן אמתער יום־טוב: די מאַמע האָט געקוואָלן פֿון נחת, דער טאַטע האָט גאָרנישט געוווסט וואָס צו טאָן פֿאַר פֿרייד, און בערעלע — ער איז געשטאַנען ווי צוגעשמידט צום אַפּאַראַט און גאָרנישט געוואָלט אָפּטרעטן.

יעדן טאָג, ווי נאָר ער איז אויפֿגעשטאַנען, האָט בערעלע געבעטן אָנשטעלן דעם ראַדיאָ, און ווען נאָר ער האָט געהאַט פֿרייע צייט, האָט ער ליב געהאַט צו זיצן און הערן שיינע מוזיק.

142. הערשעלע.

אין שטוב איז הערשעלע געווען שטיל. אָבער גאָר ווי אַ שטילער וואַסערל, וואָס גראָבט טיף. אין שטוב איז הערשעלע געווען ווי אַ שטאַרק, אָנגעבלאָזן פֿאַכירל, זיך איינגעהאַלטן, קיין פֿאַרע זאָל מען פֿון אים נישט הערן. אַקעגן־זשע אָבער אינדרויסן האָט דאָס פֿאַכירל געפּלאַצט און ס'איז אַרויס פֿריי אַלצדינג, וואָס אינעווייניק אין אים האָט זיך געשטיקט. דאָרט איז ער געווען אַ פֿייער, אַ שפּירט, איין קונדעס אין דער וועלט. ער האָט זיך איבערגעשלאָגן מיט אַלע יינגלעך און אַרויסגעוויזן זיין גרויסע ברידהשאַפֿט: אין שטיינער

ווארפן, כאפן אַ ציג פאר די הערנער און זעצן זיך אויף איר רייטנדיק. אָננעמען דעם צאָפּ פאר דער באָרד און אַרויסרייסן אים אַ פולן הויפן האָר, אונטערכאַפּן זיך הינטער אַ וואָגן, — דערצו איז ער געווען איין בריה טאַקע.

ווייסע חברה האָט דעריבער פון אים שטאַרק געהאַלטן און אים געמאַכט פאַרן עלטסטן אין. אַלע קונדייסקע זאַכן.

אין די מלחמות צווישן די קונדייסים איז ער געווען דער גענעראַל — מיט עפּעס אַ פּאַפּירן שאַרמיצל אויפן קאָפּ, אַרומגעשטעקט מיט פעדערן. און אַז דער גענעראַל, הערשעלע לייזער־יאַנקעלס, האָט עפּעס באַפוילן, האָט איטלעכער, פון דעם קלענסטן ביז דעם גרעסטן, געמוזט פאָלגן.

נישט אין קיין מלחמה-צייט, פלעגט אונדזער הערשעלע מיט דעם גאַנצן פעקל יינגלעך זיך אָפּגעבן מיט אַנדערע געשעפטן. און געשעפטן זיינען געווען פיל אין איטלעכער צייט. זומער בייטאָג פלעגט ער פירן ווייסע חברה באָדן זיך אין טייך. דער גאַנג אַהין איז געווען לעבעדיק, ראַשיק, נישט אויסגעלאָזן איין זאַך אויפן וועג, מע זאָל עס נישט באַרירן.

יונגע גענדזלעך צעלויפן זיך, אונטערפליענדיק אַ ביסל מיט די קליינע פליגלעך. דער גאַנער סאָפּעט, סמאָרעט מיט די נאָזלעכער, אויסקרימענדיק דעם האַלדז. דאָס קעלבל איז זיך מטריח אויפצושטיין פון גראָז, שטעלט אויס אַ פּאָר אויגן, רוקט זיך אויף עטלעכע טריט אָפּ, וואַרפנדיק מיטן קאָפּ און אָנבייגנדיק דעם שטערן צו דער ערד, פאַרדרייט דערנאָך דעם עק און — אוועק, אוועק...

חברה שפּילעט זיך אָפּ אין איילעניש, נאָך גייענדיק,

אַזוי אַז צוקומענדיק צום ברעג טייך פֿאַלט פֿון איטלעכן דאָס אָנטאָן פּלוצעם אַראָפּ, און — פּוץ אין וואַסער אַריין, בול־בול־בול־בול!

143. קריינדעלע און שיינדעלע.

אַז קריינדעלע און שיינדעלע קומען זיך צונויף, ביי דער, צי ביי יענער אין שטוב, איז צום אָנהייב שפּילט מען זיך גוט, רויק — טייבעלעך צוויי!

עס געדויערט אָבער נישט לאַנג. איינע קומט שוין צו לויפֿן מיט אַ געוויין:

— קריינדעלע לאָזט מיך נישט פֿאָרן אויפֿן דריידאַד.

קריינדעלעס דריידעלדיקער וועלאָסיפּעד שטייט וואָכנלאַנג אין אַ ווינקל אַ פֿאַרלאָזטער. קריינדעלע פֿאַרגעסט גאָר צו פֿאָרן מיט אים. פּונקט דאַן אָבער, ווען שיינדעלע קומט און וויל פֿאָרן, פֿאַרווילט זיך קריינדעלען אויך.

אַזוי מיט אַלץ און מיט אַלעמען.

יעדע פֿון זיי וויל זיין די „קעכין" און צוגרייטן דאָס „עסן".

יעדע פֿון די צוויי שוועסטערקינדער וויל זיין די „מאַמע" און זיך שפּילן מיט דער ליאַלקע.

צעקריגט מען זיך:

—דו ביסט אַ שלעכטע!

— איך האָב דיך נישט ליב!

— איך וועל שוין קיינמאָל נישט קומען אַהער!

לויפֿט מען, וויינענדיק, זיך קלאָגן פֿאַר די טאַטעס, מאַמעס, וואָס טרינקען טיי און שמועסן צווישן זיך.

ווערן די טאַטעס און די מאַמעס נישט איבערגעראַשט...

זיי קענען שוין די צוויי שוועסטערקינדלעך, ווען זיי קומען זיך צונויף.

— פייער און וואַסער! — זאָגן די מאַמעס.

און זיי מאַכן שלום צווישן די צוויי קינדער. בעטן זיי זיך איבער, גייען זיי זיך ווייטער שפּילן און ווידער זיך צעקריגן.

און ווען זיי צעשיידן זיך נאָר, בענקען זיי איינע צו דער צווייטער און קוקן אַרויס אויפן טאָג, ווען זיי וועלן זיך ווידער צוזאַמענטרעפן.

144. אַרעלעס געבורטסטאָג.

אַרעלע נאַרעלע דאַרף ווערן צען יאָר, וויל די מאַמע פּייערן זיין געבורטסטאָג און איינלאַדן חברים. בעט ער זיך ביי איר, אַז זי זאָל עס נישט טאָן.

— וואָסי ?

— זיי וועלן אים אָנדרייען די אויערן.

לאַכט די מאַמע פון אים און זאָגט :

— נישט געפערלעך, זיי האָבן דיר פאַראַיאָרן און פאַר צוויי יאָרן אויך אָנגעדרייט די אויערן און פונדעסטוועגן, זע איך, אַז זיי זיינען גאַנץ און עס האָט זיי, חלילה, גאָרנישט געשאַדט.

— יאָ, — זאָגט אַרעלע — אָבער עס טוט וויי.

— אָבער וואָס דאַרפסטו, מאַמע, — זאָגט אַרעלע ווייטער — מאַכן אַ שמחה און איינלאַדן פרעמדע קינדער, אַז זיי זאָלן אויפעסן דעם טאָרט מיט די ניסלעך.

מיט דעם שאָקאָלאַד און מיט אַלע אַנדערע גוטע זאַכן, אַז איך אַליין קען עס טאָן, אַז קיינער זאָל נישט וויסן...

— איצט פאַרשטיי איך שוין — זאָגט די מאַמע — די ווילסט אַליין אויפעסן דעם טאָרט מיט דעם שאָקאָלאַד און מיט אַלע אַנדערע גוטע זאַכן? ניין. דאָס גייט נישט. אויב מע מאַכט נישט קיין יום־טוב, קריגסטו נישט קיין טאָרט.

אַרעלע שווייגט. ער איז אַפילו נישט צופרידן מיט דעם, וואָס די מאַמע וויל נישט מאַכן קיין יום־טוב פאַר אים אַליין, אָבער ער טראַכט, אַז איידער די גאַנצע גאַס קינדער און אַלע חברים פון שול זאָלן אים דרייען פאַר די אויערן, איז שוין גלייכער נישט עסן קיין טאָרט און קיין שאָקאָלאַד, אַבי צו ראַטעווען די אויערן.

איז אָבער אין גאַס פאַראַן אַ יינגל איצל, וואָס האָט ליב יעדן אָפּצוטאָן אַ שפּיצל, האַלט ער אויפן קאָפּ יעדנס געבורטסטאָג און ער ווייסט, אַז אַרעלע נאַרעלע ווערט צען יאָר אַלט, און ער נעמט אים אויפן פאַרהער.

— זאָג מיר נאָר, אַרעלע טייערער, די מאַכסט גאָרנישט קיין יום־טוב?

— וואָסער יום־טוב? — מאַכט זיך אַרעלע ווי ער פאַרשטייט נישט.

— די ווערסט דאָך צען יאָר.

— ווער? איך? — חידושט זיך אַרעלע.

— די מיינסט, איך געדענק נישט, אַז פאַראַיאָרן אין דער צייט האָסטו געפּראַוועט דיין געבורטסטאָג?

— פאַראַיאָרן — יאָ, אָבער היינט נישט.

— וואָס עפּעס?

— ווייל איך האָב באַשלאָסן דאָס יאָר נישט צו ווערן אַלט קיין צען יאָר, נאָר איבעראַיאָר, ווען איך וועל אונטערוואַקסן אַ ביסל.

איצל, וואָס טוט אָפּ יעדן אַ שפּיצל, פּאַטשט אַרעלען אין דער פּלייצע און זאָגט:

— בראַוואָ, אַרעלע, איצט זע איך, אַז דו ביסט טאַקע אַ קלוגער.

אַרעלע גייט אַוועק און קוועלט גאָר אָן פון זיינע קלוגע רייד.

— אָבער איך האָב אים אָפּגענאַרט!

אויף מאָרגן, ווען אַרעלע גייט אין שול אַריין, באַגעגנט ער אויפן וועג זיין חבר איצל מיט אַ גאַנצער חבֿרה. אַלע לויפן אים אַנטקעגן מיט אַ פרייד.

— האַ אַרעלע! וואָס מאַכסטו?

— גוט, — זאָגט אַרעלע.

— עס פרייט מיך, — זאָגט איצל און גיט אַרעלען אַ פּאַטש אין פּלייצע — ביסט אַ ווילער בחור.

אין שול קומט אַרעלע דאָס מאָל פריער ווי שטענדיק און טרעפט אַ פולן הויף מיט קינדער, און אַלע רינגלען אים אַרום מיט אַ רעש.

— האַ, אַרעלע!

אָבער באַלד דערזעט מען עפּעס אויף זיינע פּלייצעס. עס ווערט אַ פרייד און אַ געלעכטער, און אַלע הייבן זיך אָן שטופּן צו אים און רייסן אים ביי די אויערן.

— גוט יום־טובֿ, אַרעלע!

— כ'באַגריס דיך, אַרעלע!

— צען יאָר, צען ריסן!..

אַרעלע שטייט צעטומלט און ווייסט נישט, פונוואַנען די קינדער האָבן זיך דערוווסט, אַז ער ווערט היינט צען יאָר אַלט. ער שרייט און בעט זיך:

לאָזט מיך אָפּ! עס איז נישט אמת!... געוואַלד, מיינע אויערן!...

ווען אַרעלע באַפרייט זיך פון דער כאַפּטע קינדער, ברענען זיינע אויערן ווי פייער און ער זעט אויף דער ערד ליגן אַ פּאַפּירל, וואָס איז אים אַראָפּגעפאַלן פון דער פּלייצע.

אויפן פּאַפּירל איז אָנגעשריבן:

„רייסט אַרעלען די אויערן. ער ווערט היינט צען יאָר".

אַרעלע פאַרשטייט, אַז דאָס האָט אים איצל אָפּגעטאָן אַ שפּיצל און ער איז אויף אים שטאַרק בייז. אָבער באַלד דערפרייט ער זיך און זאָגט:

— אויב אַזוי, קען איך דאָך שוין מאַכן אַ שטיקל שמחה און איינלאַדן די חברים, אַז סיי־ווי־סיי האָט מען מיר שוין די אויערן אָנגעריסן...

און אַרעלע דערמאָנט זיך אין טאָרט, אין שאָקאָלאַד, אין די ניסלעך און באַלעקט זיך אַזש פון גרויס הנאה.

145. קינדער אין ראַטנפאַרבאַנד בשעת דער מלחמה.

אַ קאַלטער אָקטאָבער־טאָג. גלאַט און ברייט זיינען די סטעפּעס אין דער געגנט פון סטאַלינגראַד. פעלד און הימל, הימל און פעלד. קיין בערגל, קיין בוים. די זון הייבט זיך אויף פון הינטערן פעלד און לאָזט זיך הינטערן פעלד אַרונטער. איבער דער זאַמדיקער דאָרפישער גאַס גייען פינף קינדער. זיי טראָגן אַ גרויסע זעג און אַ האַק. זיי שטעלן זיך אָפּ לעבן אַ נידעריק הייזל מיט אַ שטרויענעם דאַך. זיי קלאַפּן אָן אין דער טיר. מען ענטפערט נישט. זיי קלאַפּן שטאַרקער. פון שטיבל הערט זיך אַ געוויין פון קליינע קינדער.

— האָט קיין מורא נישט, לאָזט אַריין, דאָס בין איך, זינע, — זאָגט די עלטערע פון די קינדער.

— די מאַמע הייסט קיינעם נישט אַריינלאָזן, — ענטפערט אַ דין שטימעלע.

— דו קאָנסט דאָך מיך, וואַניע, דאָס זיינען מיר, פיאָנערן פון דער שול, לאָז אַריין! — באַמיט זיך זינע אים איינצורעדן.

די טיר עפנט זיך. אין שטוב איז קאַלט און האַלב פינצטער. צוויי קינדער זיצן אויפן בעט. וואַניע, אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר פינף, שטייט ביי דער טיר.

— לאָמיר זיך נעמען צו דער אַרבעט, — זאָגט זינע צו די געקומענע.

וואַליע כאַפּט אַן עמער און לויפט צו דעם ברונעם. אָליע בלייבט זיך שפּילן מיט די קליינע צוויי ייִנגלעך, און זינע גייט אַרויס אויפן הויף. דאָרטן ליגט אַ גראָבער קלאָץ. פריילעך לויפט די זעג פון האַנט צו האַנט. באַלד איז דער קלאָץ צעזעגט, די צעזעגטע שטיקער שפּאַלטן די קינדער אויף דינע שייטלעך, דאָס צעהאַקטע האָלץ טראָגט מען צוזאַמען אין פּירהויז. איינע פון די מיידלעך פאַרקערט דאָס שטיבל, הייצט איין דאָס אייוועלע. זי וועט בלייבן מיט די קליינע קינדער ביז וואַנען די מוטער וועט קומען פון דער אַרבעט.

די איבעריקע גייען אַוועק, זיי דאַרפן נאָך היינט זיין אין עטלעכע הייזלעך — אָנשרייבן בריוו צו אַ פאָטער, אָדער אַ זון אויפן פראָנט, צולויפן אין אַן אַפּטייק נאָך רפואות פאַר אַ קראַנק קינד, אויסוואַשן אַ העמדל פאַר אַ קינד, ווייל די מוטער איז קראַנק.

דאָס זיינען קינדער פון אַ טימור-קרייזל. אַזוי הייסן די קרייזלעך פון די סאָוועטישע שול-קינדער, וואָס באַמיען זיך צו העלפן די פאַמיליעס, וווּ דער פאָטער,

אָדער דער זון איז אויף דער מלחמה. אין יעדער שוף זיינען עטלעכע קרייזלעך אַזוינע. זיי צעטיילן צווישן זיך די גאַסן פון דאָרף, אָדער שטאָט, און יעדער קרייזל באַמיט זיך בעסער אויסצופירן זיין אַרבעט.

146. אַ קריגעלע וואַסער.

איינמאָל איז געווען אַ גרויסע טריקעניש אין לאַנד. זומער זיינען קיין רעגנס נישט געגאַנגען. אַלע טייכן, אַלע ברונעמער זיינען אויסגעטריקנט געוואָרן. אַלע ביימער — פאַרדאַרט, און מענטשן, און חיות און פייגל זיינען אויסגעגאַנגען פון דאָרשט.

איז איינע אַ מיידעלע אַוועק מיט אַ קריגעלע אויפזוכן אַ ביסעלע וואַסער פאַר איר קראַנקער מוטער. אַ לאַנגע צייט האָט זי אַרומגעוואַנדערט, געזוכט און געזוכט און קיין טראָפּן וואַסער נישט געפונען. פון פיל אַרומגיין איז זי שטאַרק מיד געוואָרן, און איז אומגעפאַלן און אַנטשלאָפן געוואָרן.

ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי דערזען, אַז איר קריגעלע איז פול מיט פריש קוואַל־וואַסער. זי האָט זיך זייער דערפרייט און צוגעטראָגן דאָס קריגעלע צום מויל אָנצוטרינקען זיך, ווייל זי איז געווען זייער דאָרשטיק. אָבער זי האָט באַלד חרטה געהאַט, ווייל זי האָט געזען, אַז דאָס וואַסער אין קריגעלע וועט נישט זיין גענוג אי פאַר זיך, אי פאַר איר קראַנקער מוטער. און זי האָט דאָס וואַסער נישט געטרונקען.

זי האָט גענומען שנעל גיין אַהיים צו איר מאַמען. אין איילעניש האָט זי נישט באַמערקט, אַז אַ פאַרחלשטער הונט ליגט אויפן וועג, און זי איז איבער אים געפאַלן און דאָס קריגעלע שיר נישט אויסגעגאָסן, אָבער נײן, דאָס קריגעלע איז געשטאַנען פול, ווי אַן אויג.

זי האָט אַרײַנגעגאָסן עטלעכע טראָפּנס וואַסער אין מויל פון דעם פאַרחלשטן הונט.

דער הונט האָט זיך מחיה געווען און איז לעבעדיקער געוואָרן. אין דער זעלבער מינוט איז דאָס קריגעלע בײַ דעם מיידעלע אין דער האַנט פון אַ ליימענס געוואָרן אַ זילבערנס.

דאָס מיידעלע איז אַוועק אַהיים און האָט דאָס וואַסער דערלאַנגט דער קראַנקער מאַמען.

האָט די מאַמע געזאָגט:

— סיי־ווי וועל איך באַלד שטאַרבן, מיט דעם טרונק וואַסער, צי אָן דעם טרונק וואַסער. טרינק־זשע בעסער דו, מײַן טעכטערל, וועסטו זיך דערפרישן. און זי האָט צוריק אָפּגעגעבן דאָס קריגעלע דער טאָכטער. אין דער זעלבער מינוט איז דאָס קריגעלע געוואָרן אַ גאָלדנס.

דאָס מיידעלע האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט אײַנהאַלטן, ווײַל זי איז שוין געווען זייער דאָרשטיק. האָט זי אויפגעהויבן דאָס קריגעלע צום מויל צו טרינקען. מיטאַמאָל האָט זיך געעפנט די טיר, און אַ מענטש איז אַרײַן, און מיט פאַרטריקנטע ליפּן גענומען בעטן:

— גיט מיר אַ טרונק וואַסער, ווײַל די כּוחות גייען מיר אויס.

האָט דאָס מיידעלע צוגענומען דאָס קריגעלע פון איר מויל און אָפּגעגעבן דעם פרעמדן.

אין דער זעלבער מינוט זיינען פון דעם קרײַעלע ארויסגעפלויגן זיבן בריליאַנטן און אַ גרויסער שטראָם רײַן, פריש וואַסער האָט אַ גאָס געטאָן. און די זיבן בריליאַנטן האָבן זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער צום הימל, און פון זיי איז געוואָרן דער גרויסער בער, וואָס שײַנט נאָך ביז הײַנט אויפן הימל.

147. מלחמה.

אָ, מאַמע, כ'וויל אַ ביסל מילך,
ס'טריקנט מיר מײַן גומען.
— מײַן קינד, אַ בייזער פאַסטעך האָט
דאָ אַלע קי פאַרנומען.

טאַ גיב מיר, מאַמע, ברויט אַ ביס
דעם הונגער מיר צו שטילן.
— נישטאָ, מײַן קינד, אַ וואַסער האָט
פאַרטרונקען אַלע מילן.

אַ וואַסער ווילד, אַ וואַסער רויט
האָט זיי אַראָפּגעטראָגן,
און אַלע מילנער זײַנען איצט
אַוועק אין פעלד זיך שלאָגן.

— טאָ וווּ־זשע איז דער טאַטע איצט,
ער זאָל אונדז עסן קריגן?
— דער טאַטע איז אַוועק מיט זיי
אַ שונא צו באַזיגן.

148. אַ ליבער גאַסט אין שול

יאָסעלע גרויסט זיך מיט זיין פעטער שמעון. יאָסעלעס פעטער איז אַ קאַפּיטאַן אין פּוילישן מיליטער. ער וווינט אין וואַרשע.

יאָסעלען האָט די מאַמע דערציילט, אַז דער פעטער שמעון איז געווען אין דער סאָוויעטישער אַרמיי, ער האָט זיך געשלאָגן הינטער סטאַלינגראַד. דאָרטן איז ער פאַרוווּנדעט געוואָרן אין אַ פוס. נאָכן אויסהיילן דעם פוס איז ער אַוועק אויפן פראָנט שוין מיטן פּוילישן מיליטער. דער פעטער שמעון האָט אַ סך אויסצייכענונגען. איין אויסצייכענונג פאַרן אָנטיילנעמען אין די שלאַכטן ביי וואַרשע.

יאָסעלען חלומט זיך זייער אָפט זיין פעטער. ער איז אַ הויכער, אין אַ מיליטערישן מונדיר. אויף דער לינקער זייט ברוסט טראָגט ער גאָלדענע און זילבערנע מעדאַלן, אָן אַ שיר מעדאַלן. ער קאָן זיי אַז נישט איבערציילן. יאָסעלע וואָלט געוואָלט, אַז דער פעטער זאָל קומען צו זיי צופאָרן, ער זאָל אים זען אויף דער וואָר און מיט אים שמועסן.

יענע וואָך האָט דער קאַפּיטאַן שמעון געשריבן צו יאָסעלעס מאַמע, אַז ער קומט צו גאַסט אויף עטלעכע טעג.

וועגן דעם האָבן זיך באַלד דערוווּסט יאָסעלעס חברים, דער גאַנצער צווייטער קלאַס. די שילער פון דעם קלאַס האָבן דאַן געבעטן, אַז די לערערין זאָל איינלאַדן יאָסעלעס פעטער אויף דער פייערונג פון דער סאָוויעטישער אַרמיי. די לערערין איז געווען זייער צופרידן פון דעם, וואָס די קינדער האָבן געגעבן זייער אַ גוטן פאָרשלאַג.

צוויי טעג פאַרן 23־טן פעברואַר איז דער קאַפּיטאַן געקומען צו פאָרן. די קינדער פון דער שול זיינען גלייך צו אים אַוועק, און אים איינגעלאַדן אויף דער שול־פייערונג.

יאָסעלעס פעטער, דער קאַפּיטאַן, האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט אויף זיכער קומען און אַז ער וועט זיי דערציילן וועגן דער סאָוועטישער אַרמיי און וועגן דעם פוילישן מיליטער.

דעם 23־טן פעברואַר איז די גאַנצע שול יום־טובדיק אויסגעפּוצט. אין די קאָרידאָרן הענגען גרויסע אויפשריפטן:

„זאָל לעבן די העלדישע, סאָוועטישע אַרמיי!"

„זאָל לעבן דער גענעראַליסימוס סטאַלין!"

וואַנט־צייטונגען באַשיינען די ווענט אין אַלע קלאַסן.

דעם זעלבן טאָג נאָך די לעקציעס האָבן זיך אין גרויסן זאַל פאַרזאַמלט די לערער און אַלע שילער.

ס'זיינען אויך געקומען פאָרשטייער פון דער פּאַרטיי, פון דער פאַבריק און אַ סך עלטערן.

דער קאַפּיטאַן איז געקומען צוזאַמען מיט יאָסעלעס מאַמען.

פּלוצלינג איז אין זאַל שטיל געוואָרן. יאָסעלעס פעטער האָט אָנגעהויבן צו רעדן.

ער האָט דערציילט וועגן די אַלע שלאַכטן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין דער לעצטער מלחמה, וויאַזוי ער איז פון אַ פּראָסטן זעלנער געוואָרן אַ קאַפּיטאַן. ער האָט דערציילט זייער אַ סך טשעקאַווע זאַכן.

די קינדער האָבן זיך פאַרהאַלטן זייער שטיל און גוט זיך צוגעהערט.

יאָסעלע, וועלכער איז געזעסן אויף דער צווייטער

באַנק, האָט קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון זיין פעטער. יאָסעלע האָט זיך שטאַרק איבערגענומען, ווען דער קאַפּיטאַן האָט איבערגעגעבן אַ געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט מיט אים הינטער סטאַלינגראַד:

זיין פעטער שמעון האָט אָנגעפירט מיט אַ טאַנק, וואָס איז אַרומגערינגלט און באַשאָסן געוואָרן דורך אַ גרופּע היטלעריסטן.

דער טאַנק איז אַרומגענומען געוואָרן מיט פלאַמען. אָבער זיין פעטער האָט נישט פאַרלוירן דעם מוט. אין דעם ברענענדיקן טאַנק האָט ער פאַריאָגט די גרופּע היטלעריסטן.

נאָך דער פירערונג האָט דער קאַפּיטאַן זיך האַרציק געזעגנט מיט די שילער.

אַהיים איז ער אַוועק מיט יאָסעלען.

יאָסעלע איז געווען איבער גליקלעך.

149. לילי און דזשאָסי.

לילי איז אַ בלאָנד יידיש מיידעלע, מיט בלויע אייגעלעך און גאָלדענע געלאָקטע הערעלעך. דזשאָסי איז אַ נעגערל, מיט ברענענדיקע, קלוגע אייגעלעך.

לילי און דזשאָסי געפונען זיך שטענדיק צוזאַמען: ווינען אין איין הויז, עסן ביי איין טיש, שפּילן זיך מיט די זעלבע צאַצקעס און האָבן זיך ביידע ליב. ער טוט אַלץ, וואָס איר געפעלט, און זי האָט הנאה פון זיינע קונצן.

אינדערפרי, ווען לילי שלאָפט נאָך, כאַפּט זיך שוין דזשאָסי אויף, שפּרינגט אַראָפּ פון זיין געלעגער, טוט זיך אָן גיך, לויפט אַרויס אין הויף און נעמט בויען

אַ הויז. ער קלייבט צונויף העלצלעך, ברעטלעך, שטיינדלעך, לייגט זיי אויס אין שורות, נאָכדעם ברענגט ער אַ האַק און אַ האַמער און נעמט זיך צו דער אַרבעט. ער הובלט, האַקט און קלאַפּט. ער אַרבעט מיט חשק.

— וועט דאָס זיין אַ שטיבעלע, — טראַכט דזשאָסי. אַרבעטנדיק — לילין וועט דאָס געפעלן. און אַ פרייד צעגיסט זיך איבער זיין פנים.

לילי לויפט אַרויס אויפן הויף.

אויפן הויף וואַרט שוין אויף איר דזשאָסי. ער האָט נאָר וואָס געענדיקט בויען דאָס שטיבעלע. מיט פרייד באַגעגנט ער לילין.

דאָס מיידעלע באַטראַכט דאָס שטיבעלע מיט באַוואונדערונג.

— ס'איז פאַר מיר? ווי אַזוי האָסטו דאָס געמאַכט? — פרעגט זי אים. — ס'איז אַזוי שיין...

— פאַר דיר, פאַר דיר, לילי! — דערקלערט איר דזשאָסי און ווייזט מיט די הענטלעך אויף יעדער זאַך באַזונדער.

— דזשאָסי, דו ביסט אַזאַ גוטער, אַלץ קענסטו! —

לילי פּאַטשט מיט די הענטלעך און טאַנצט פאַר פרייד. אַ גאַנצן טאָג שפּילן זיי זיך צוזאַמען. זיי עסן אין איילעניש אָפּ און ווידער אויף דער גאַס. זיי באַקן זיך אויף די הייסע שטראַלן פון דער וואַרעמער זון, לויפן אַרום, יאָגן זיך איינס דאָס אַנדערע, שפּילן באַל און דערציילן זיך מעשהלעך.

אָט אַזוי טאָג־איין, טאָג-אויס האָרעווען זיך ביידע קינדערלעך: דאָס שוואַרצע יינגל און דאָס ווייסע מיידעלע.

זיי ווייסן נישט פון קיין זאָרג, שטענדיק פריילעך, פאַרטאָן און צופרידן.

150. אַז איך וועל אויסוואַקסן.

פינף קינדער זיינען מיר,
שוועסטערלעך און ברידער:
איינע איז אַ פליערין,
צווייטע שרייבט שוין לידער.

דריטע איז אַ וועבערין,
נאָך אין שול — דער פערטער.
איך, דער כאַמע פינפטער —
איך וועל זיין ביי פערדלעך!

אַזאַ יאַט אַ פריילעכער,
וו ביסטו געוואַקסן
מיט אַזעלכע מוסקולן,
מיט אַזעלכע אַקסלען?

ביסט פון די אָקטיאַבערלעך,
ביסט פון פיאָנעריע?
נעם־זשע זיך אַ פערד ביי אונדז
און פאָר אין קאַוואַלעריע!

שפּרינג איך אויפֿן פֿערד און פֿלי,
פֿליען סאָסנעס, קליאָנען,
קום איך אָן און שפּרינג אַראָפּ:
— מאַרשאַל בודיאָנע!

אויב אויף גוט מע לערנט זיך
און אויף אויסגעצייכנט,
איז אין קאַוואַלעריע
קאָן מען זיין פֿאַררעכנט?

מאַרשאַל דרייט אַ וואָנסע זיך,
טוט צו מיר אַ שמייכל:
— וואַקס נאָך צו אַ קאַפּעלע,
וועסטו זיין פֿאַררעכנט!

151. שמואליק דער מאָלער.

ווען שמואליק איז נאָך געווען אין ערשטן קלאַס, האָט זיך קיינער מיט אים נישט געקאָנט גלייכן אין צייכענען און מאָלן. האָט די לערערין געלייענט אַ מעשהלע, האָט ער גלייך אַלצדינג אָנגעצייכנט אויף פּאַפּיר. אַ וואַלד און אַ טייך, אַ העזל און אַ פֿערדל — קיין זאַך איז אים נישט געווען צו שווער. אַפֿילו מענטשן האָט ער געצייכנט ווי לעבעדיקע. איינמאָל האָט די לערערין געוויזן שמואליקס צייכענונגען אַ פּראָפֿעסאָר, אַ גרויסן קינסטלער. ער האָט געזאָגט, אַז מע דאַרף שמואליקן לערנען, פֿון אים וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער מאָלער. שמואליק פֿלעגט טאַקע גיין צו אים זיך לערנען אין דער פֿרייער צייט נאָך די לעקציעס.

ווען די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט ווילנע, איז שמואליק אַלט געווען ניין יאָר. מ'האָט אַריינגעטריבן די יידן אין געטאָ. שמואליק האָט אויך אין געטאָ אַ סך בילדער געצייכנט. אין זיי האָט ער אויסגעמאָלט דאָס שרעקלעכע לעבן פון די יידן אין געטאָ.

איינמאָל האָט מען אין געטאָ, בסוד פאַר די דייטשן, געמאַכט אַן אויסשטעלונג פון בילדער, האָט מען אויך שמואליקס בילדער אויסגעהאָנגען. זיינע צייכענונגען האָבן פאַרנומען אַ גאַנצע וואַנט און זיינען געווען די שענסטע.

ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אומצוברענגען די יידן פון געטאָ, איז שמואליק מיט זיין מוטער אַנטלאָפן צו זיין לערער, דעם ליטווישן פּראָפעסאָר. דער אַלטיטשקער קינסטלער האָט זיי אויסבאַהאַלטן אַ לאַנגע צייט, כאָטש ער האָט גוט געוווסט, אַז טאָמער דערוויסן זיך די דייטשן דערפון, וועלן זיי אים דערפאַר הרגענען.

שמואליק פלעגט זיצן אויף אַ בוידעם, אַראָפּקוקן דורך אַ שפּאַרונע אין דאַך — און אַלץ, וואָס ער האָט געזען, האָט ער אָפּגעמאָלט. די בילדער זיינע האָט ער פאַרגראָבן אין דער ערד.

ווען די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט ווילנע, האָט שמואליק אויסגעגראָבן אַ סך צייכענונגען. שמואליקן געפעלן זיי שוין נישט. ער צייכנט איצט אַנדערע — שענערע.

פעלדער גרינען,

פעלדער רוישן

152. בלומען.

פעלדער גרינען, וועלדער רוישן,
גייען מיר מיט פולע קוישן
בלומען אָן אַ שיר...
גייען מיר אַרומגענומען
און באַקראַנצט מיט יונגע בלומען
אין דעם בונטן ציר...

זינגען, שפּרינגען מיר און טאַנצן,
און פון גליק די אויגן גלאַנצן
בלומענדיק און ריין.
ווער באַקראַנצט וויל זיין מיט בלומען,
זאָל צו אונדז, צו אונדז זאָל קומען,
קומען זאָל צו גיין!

מירן אָפּגעבן אינגאַנצן
און אין פעלדער ווייטער טאַנצן,
לאָזן ווייט זיך גיין.
לאָזן גיין זיך גיך, געשווינדער,
ווייל מיר זיינען, אַלע קינדער,
בלימעלעך אַליין!

153. וואָס האָט הערשל געזען אין וואַלד.

איידער מיר זיינען אַהער געקומען, האָבן מיר געוווינט אין אַ גרויסן וואַלד, — זאָגט בעניע.

— אוי, וואָס ער דערציילט — אין אַ וואַלד! — מיינסט אַוודאי, אַז נאָר דו איינער ביסט געווען אין וואַלד! און איך בין זיך ווייניק אַנגעלאָפן אין וואַלד? נו, וואָס איז אַזוינס אַ וואַלד?

— ביימער, קוסטעס, יאַגדעס, — אַזוי האָט אים די רייד איבערגעשלאָגן רחל.

— הייסט עס, אַז דו האָסט ווייניק געזען אין וואַלד. עס וואַקסן טאַקע ביימער, אָבער ביימער זיינען דאָ פאַרשיידענע. למשל, נעמסט בעראָזעס. זיי האָבן אַ ווייסע קאָרע און דינע צווייגעלעך, און זייערע בלעטעלעך ציטערן און רוישן ביים קלענסטן ווינטעלע. אויסער די בעראָזעס וואַקסן וואַלד־קרויט און מאָך. אין אַ הייסן טאָג איז אַמבעסטן צו ליגן אונטער אַ סאָסנע.

— איך האָב אויך געזען אַ סך פייגל — האָט זיך אַריינגעמישט רחל.

— אַ קוקאַווקע האָסטו געזען נאָענט? גאָר נאָענט, ווי זי זיצט און קוקעט און נאָך יעדן קו־קו וויגט זי זיך אַזוי קאָמיש!

— ניין, קיין קוקאַווקע האָב איך נישט געזען, — איז זיך מודה רחל.

— נו, אַ פּיקהאָלץ האָסטו יאָ געזען? האָסט געזען, ווי ער קריכט איבער די ביימער און העלפט זיך אונטער מיטן עק, און אַלע ווײַלע האַקט ער מיטן שנאָבל אין בוים אַריין?



— צוליב וואָס טוט ער דאָס? — פרעגט זיך נייגע־ריק שמעון.

— וואָס הייסט צוליב וואָס? ער שלעפּט אַרויס אַלע ווערעמלעך פון אונטער דער קאָרע און עסט זיי אויף.

נו, גוט! און יאַגדעס זיינען געווען דאָרט אין וואַלד? און שוואָמען?

— נאָך אַ מין! ס'זיינען אויך געווען נוסביימלעך. ס'פלעגט טרעפן, אַז איך פלעג אַהיימברענגען אַ גאַנצן קאָשיק ניס און שוואָמען.

154. אונדזער זומער.

זו־זו... זו־זו־ זומער
איז ער, איז ער, איז ער,
איז ער מיט אַ זון ער,
אונדזער, אונדזער זומער!

איז ער, איז געווען
ערגעץ ווו פאַרנומען,
האָט ער זיך פאַרשפּעטיקט,
נישט אין צייט געקומען.

האָט מען זיך געוווּנדערט,
אינעם בלאָט געלעגן,
אַז אויף מיילן הונדערט
ער צו גאַסט געווען.

דאָרט אויף מיילן הונדערט
לענדער פיל מיט זונען,
איינע גאָר אַ שטאַרקע
האָט ער זיך געפונען.

און מיט איר צוזאַמען
אינעם וועג געלאָזט זיך,
און ווי נאָר געקומען,
האָט ער גלייך צעלאָזט זיך.

בריען, בראָטן, ברענען
האָט ער גלייך גענומען,
ווייל ער זאָגט: אַז קומען,
זאָל שוין זיין געקומען!

ליגט מען ביי די טייכן,
קילט מען זיך אין גראָזן,
פופו... פופו... פופו... —
האַלט מען אין איין בלאָזן.

זו־זו... זו־זו... זו־מער
איז ער, איז ער, איז ער!
איז ער מיט אַ זון ער,
אונדזער, אונדזער זומער!

155. דער פֿאַרשפּאַרטער ווינט.

דורך דעם אָפֿענעם פֿענצטער איז אין קלאַס אַריינגעפֿלויגן דער ווינט. ער האָט אַ מיש געטאָן עטלעכע בלעטער פֿון אַוורעמעלעס העפֿט. אַ קוק געטאָן, צי אַוורעמעלע האָט געמאַכט זיינע אויפֿגאַבעס, און דערנאָך האָט ער איבערגעקערט דעם טינטער און פֿאַרשמירט עטלעכע זייטלעך.

— וואַרפֿט אַוועק אייערע ביכער און העפֿטן, — האָט דער ווינט איינגערוימט די קינדער אַ סוד אין אויער. קומט, קינדער, אין וואַלד, אין סאָד און אויף דער לאָנקע. מיר וועלן זיך שפּילן.

— וואַרט אונטער אַ ביסל! נאָך אין עטלעכע טעג אַרום הייבן זיך אָן די פֿעריען. וועלן מיר צוזאַמען אַרומלויפֿן איבער די וועגן.

— קומט איצטער, — רופֿט ווייטער דער ווינט. — כ׳וועל אייך אויסלערנען גיך לויפֿן, שפּרינגען און שווימען.

— קומט! — שמייכלט די זון.
— קומט! — בעט זיך דער סאַד.
— נאָך אין עטלעכע טעג אַרום — ענטפערן די קינדער.

חיהלע איז צו צום פענצטער און עס גיך פאַרמאַכט.
— אַזאַ שטויב אויפן גאַס, — האָט זי געזאָגט.

דער ווינט האָט געוואָלט אַרויס, אָבער ער האָט שוין נישט באַוויזן. דער ווינט האָט געמוזט זיצן אַ גאַנצע שעה פאַרשפאַרט מיט די קינדער אין קלאַס.

אַלע רגע האָט ער געקוקט אויף דער טיר, דאָ אויפן פענצטער און דאָ אויפן לעכל פון שליסל און געטראַכט:
— אַך, ווי קריגט מען זיך אַרויס פונדאַנען?

ערשט ווען די קינדער זיינען אַרויס אויף דער הפסקה, האָט זיך דער ווינט מיט אַ פייף קוים אַ לעבעדיקער אַרויסגעכאַפּט פון קלאַס און געזאָגט צו זיך אַליין:
— כ'וועל שוין קיינמאָל נישט קומען אַהער, כ'וועל בעסער לויפן איבער דער וועלט, זיין פריי און נישט זיצן פאַרשפאַרט אין דעם קלאַס.

156. נײַן כעלעמער האָבן זיך געבאָדן.

ניין כעלעמער זיינען זיך געגאַנגען באָדן אין כעלעמער טייך. אַז זיי האָבן זיך גוט אויסגעבאָדן און אַרויס פון וואַסער, האָבן זיי מורא געהאַט, טאָמער האָט זיך חלילה איינער דערטרונקען! — האָט איינער גענומען איבערציילן, צי אַלע זיינען דאָ. געציילט: נישט איינס,

נישט צוויי, נישט דריי און אַזוי ווייטער. שלעכט. ס'פעלט איינער. ס'איז דאָ אַכט.

אַלע קוקן זיך איבער. יעדער דערקענט זיך, אַז ער איז דאָ. געווען זיינען זיי ניין און איבערגעציילט האָט מען אַכט.

האָט אַ צווייטער גענומען ציילן, איז ווידער אויסגעקומען אַכט.

זיצן זיי, די כעלעמער, אויפן זאַמד ביים ברעג טייך און וויינען.

איז אַדורכגעגאַנגען נאָך אַ כעלעמער, פרעגט ער זיי, וואָס זיי וויינען. דערציילן זיי אים די גאַנצע מעשה.

האָט ער זיי איבערגעציילט און זיך צעלאַכט:

— נאַראָנים! עס פעלט פון אייך קיינער נישט, איך זייט דאָך אַלע ניין.

— זיי נישט קיין קלוגער. מיר האָבן אַלע געציילט, איז אויסגעקומען אַכט, און ער איינער האָט איבערגעציילט, איז שוין גאָר ניין.

— ווייסט איר וואָס? — האָט יענער זיך אָנגערופן

— זאָל יעדער פון אייך אַריינשטעקן זיין נאָז אין זאַמד אַריין, דערנאָך וועט מען איבערציילן די לעכער, וועט איר וויסן אויף זיכער, וויפל איר זייט דאָ...

— גוט, — האָבן אַלע כעלעמער אויסגעשריגן און אַזוי געטאָן. זיי האָבן אַריינגעשטעקט די נעז אין זאַמד אַריין, דערנאָך איבערגעציילט די לעכער, איז געווען ניין. ערשט דעמלט האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז זיי זיינען דאָ טאַקע אַלע ניין.

157. עפּלביימעלע.

אין גאָרטן שטייט אַ ביימעלע
מיט בלימעלעך באַדעקט.
— דו ווערסט אונדז געבן עפּעלעך? —
האָב איך ביי אים געפרעגט.

— איך וועל דיר געבן רויטינקע
פיל עפּל און אַ צאָל,
נאָר בעט דאָס בייזע ווינטעלע,
אַז ער ניט בלאָזן זאָל!

דו ווינטעלע, דו טייערער!
דו בלאָז דאָ נישט אַריין,
עס איז אַ שאָד די בלימעלעך —
עס וועלן עפּל זיין!

158. די פריינד פון די לאַנדווירטשאַפטלער און פון די גערטנער.

ווען די קינדער זיינען געווען אויף דעם אויספלוג, האָבן זיי באַמערקט, אַז אויף די וועגן און קרייצונגען, ביי פעלדער און וועלדער, זיינען אויפגעהאָנגען אַזעלכע מעלדונגען:

1. דער שטעכלער דערנערט זיך מיט מייז, שנעקן, שלייערלעך און אַנדערע בעלי־חיים, וועלכע זיינען שעדלעך פאַר דער לאַנדווירטשאַפט.

פאַרניכטעט נישט די שטעכלערס!

2. די פלעדערמויז איז אַ פריינד פון גערטנער. זי עסט אויף די מאַי־זשוקעס און די פלאַטערלעך, וועלכע שעדיקן די גערטנער.

הענגט אויף קעסטעלעך — באַהעלטענישן פאַר די פלעדערמייז!

3. די זשאַבע פאַרניכטעט אין איין שעה ביז 30 שעדלעכע ווערעמלעך.

דערהרגעט נישט די זשאַבעס!

4. אַ סך שלייערלעך און פלאַטערלעך ברענגען יעדעס יאָר ריזיקע שאָדנס. פייגעלעך עסן אויף די פלאַטערלעך אין אַ גרויסער צאָל.

קינדער, צעשטערט נישט די נעסטן פון די פייגל!

159. אַ לייוונטענע שטאָט.

טוט אַ קוק נאָר : דאָרטן־אָט
שטייט אַ לייוונטענע שטאָט.
ווייסע שטיבעלעך אַ סך,
שטיבעלעך פון גאָלע דאַך,

נישט געשמירט און נישט שפּאַלירט,
און די גאַסן נישט ברוקירט.
דאָרטן ווינען יאַטן ברווינע,
פלינקע, לוסטיקע אַזוינע.

— ווער־זשע האָט
אָט די־אָ שטאָט
אינמיטן פעלד
אַוועקגעשטעלט ?

אפשר ווייסט איר,
ווי זי הייסט ?
— אַוודאי ווייסן מיר, אַ פראַגע :
דאָס איז דאָך אַ סקוויטן־לאַגער !

160. מיר העלפן.

פון לעבן אין סקוויטן־לאַגער.

ביים פרימאָרגן־אַפּעל האָט דער קייטער געמאָלדן קורץ :

— נאָכן פרישטיק זאַמלען זיך אַלע אויף דער פּאָליאַנע.

געגעסן האָט מען שוין מיט אומגעדולד. עס וועט זיין עפּעס אַ נייעס.

גלייך נאָך פרישטיק האָבן זיך אַלע סקויטן צונויפגעקליבן אויף דער גרויסער פּאָליאַנע ביים ראַנד פון וואַלד.

דער קייטער האָט אָנגעהויבן :

— איצט איז שניט. די פּויערים אַרבעטן שווער פון פאַרטאָג ביז זון־פאַרגאַנג, כדי אַראָפּצונעמען צו דער צייט דאָס גרויסע גערעטעניש פון די פעלדער. פון שטאָט זיינען געקומען אַ סך אַרבעטער זיי צו העלפן.

און וואָס וועלן מ י ר טאָן ? וועלן מיר, סקויטן, בלייבן הינטערשטעליק ?

ער האָט נאָך נישט באַוויזן צו ענדיקן, און ס'איז גלייך געוואָרן לעבעדיק.

פון אַלע זייטן האָבן מען אויסגערופן:

— ניין, ניין!

— וואָס הייסט, מיר וועלן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט?

— מיר וועלן אויך העלפן בויען דאָס לאַנד!

אַז דער טומל האָט זיך אַ ביסל איינגעשטעלט, האָט זיך אָפּגערופן מאָטל:

— וואָס קאָנען מיר טאָן? מיר זיינען דאָך נאָך קינדער.

און שרה גיט צו:

— קיינער פון אונדז קאָן ניט שניידן קיין תבואה!

אַ ווײַלע טראַכטן אַלע. דאַן בעט אַ וואָרט מענדל:

— איך לייג פאָר העלפן צונויפצוזאַמלען די זאַנגען אין גאַרבן.

דאָס געפעלט אַלעמען, און דער קליינער משהלע גיט אויף נאָך אַ פּלאַן:

— איך האָב געזען, אַז אין די גערטנער זיינען דאָ אַ סך ווילדגראָזן. מיר קאָנען זיי אויסרייסן.

און אַזוי איז טאַקע געבליבן: זיך צעטיילן אין צוויי גרופּעס. די גרעסערע סקויטן וועלן העלפן צונויפזאַמלען די תבואה אויפן פעלד. די קלענערע, די בינען, וועלן העלפן יעטן די גערטענער פון ווילדגראָז.

נאָך דעם זעלבן טאָג איז מען פריילעך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

161. דאָס ליד פון ברויט.

פאַר די הענטלעך אין די רינגעו,
שיינע קליינע קינדער זינגען:
וואָלקן, וואָלקן, גיב אַ רעגן
פאַר די קליינע קינדערסוועגן!

ווייזט אַ וואָלקן זיך פון אויבן,
נעמען זיך די פעלדער שטויבן,
און אַ רעגן פערל־ריין,
טריף־טראָפ, טריף־טראָפ — הייבט אָן גיין.

נעמען פעלדער זיך צעשפּרייטן,
ווייך צעאַקערטע אין בייטן.
ווערן גרינע קאָרן־זאַנגען
פון די בייטן אויפגעגאַנגען.

נעמט אַ טוי אויף זיי באַלד פאַלן,
וואַרעמט זיי די זון מיט שטראַלן,
ווערן פעלדער געל ווי גאָלד,
פול מיט קאָרן, קאָרן־גאָלד.

נעמען פולע פורן פאָרן,
פורן פאָרן, פירן קאָרן,
דורך די בערג און דורך די טאָלן
אין די מילן דאָס צעמאָלן.

הייבן אָן דיווינטן ווייען
און די מילן־פליגל דרייען,
מאָלן מילן, מאָלן שנעל
פון דעם קאָרן ווייסן מעל.

קנעט דער בעקער מעל מיט הייוון
און פאַרהייצט זיין גרויסן אויוון.
ברענט דאָס פייער, שייטלעך קנאַקן,
נעמט דאָס ברויט זיך בעסער באַקן.

קויפן מאַמעס ברויט דעם פרישן
און דערלאַנגען אויף די טישן,
עסן קינדער פרישן ברויט —
זיינען זיי געזונט און רויט.

162. אונדזער פאָרשטעלונג.

אונדזער שול האָט געמאַכט אַ פאָרשטעלונג. אין טעאַטער איז געקומען אַ גרויסער עולם עלטערן און געסט. איניקע האָבן שוין נישט געקראָגן קיין בילעטן, דער זאַל איז געווען פול.

אין דער פאָרשטעלונג האָבן גענומען אָנטייל כמעט אַלע קינדער מיט געזאַנג, טענץ און פאַרשיידענע סצענקעס.

מיך איז צום בעסטן געפעלן געוואָרן „דאָס פאַרבלאָנדזשעטע מיידעלע". ווען דער פאָרהאַנג האָט

זיך געעפנט, האָט מען געזען אויף דער בינע אַ וואַלד מיטביימער און בלומען. פייגל און פלאַטערלער האָבן געטאַנצט. אַ מיידעלע, רחלע, האָט געזונגען: צו די גרינינקע ביימעלעך, זיי זאָלן איר ווייזן דעם וועג אַהיים. שפּעטער זיינען געקומען מלאכים און האָבן זי פאַרוויגט מיט אַ שיינעם ניגון. דערנאָך האָבן זי די חברטעס געפונען.

רחלע — דאָס איז געווען ריוועלע פון אונדזער קלאַס. איר שפּיל איז שטאַרק געפעלן געוואָרן דעם עולם, מע האָט שטאַרק אַפּלאָדירט און אַרויפגעוואָרפן מתנות — בלומען און שאָקאָלאַד — פאַר איר און פאַר אַנדערע קינדער.

163. רעגן.

1

אַ דין וואַרעם רעגנדל האָט אַ שפּריץ געטאָן אויף דער גאַס און באַפינטלט די טרוקענע שטיינער פון ברוק.

ווייט איבער דעכער און קוימענס האָט אַלעמאָל אַ פלאַטער געטאָן אַ בליץ, און עס האָבן זיך געהערט דונערס, וואָס האָבן זיך געקייקלט אַלץ נעענטער, ווי ליידיקע פעסער איבער אַ שטיינערנעם ברוק.

דער טאָג איז געווען אַ הייסער, אַ דושנער. אין דער לופטן האָט אַ ווינטל געפאָכעט, ווי מיט הייסע און נאַסע האַנטעכער, אין פּנים אַריין און געמאַכט שווער דאָס אָטעמען.

מיטן ערשטן רעגנשפּריץ איז אָנגעקומען אַ לייכט, קיל ווינטעלע, וואָס האָט אויפגעפרישט די פאַרמאַטערטע מענטשן און זיי ווי דערקוויקט.

— אַ פאַרגעניגן, — האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן.

— זאָל רעגענען...

— די פעלדער לעכצן נאָך טרינקען...

די פּאָר קליינע, נידעריקע ביימעלעך אויף דער גאַס, וואָס זיינען געשטאַנען ווי פאַרשמאַכט פון דער היץ, האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און זיך פרייליך צערוישט.

אַ פּאָר פייגל האָבן זיך לוסטיק צעזונגען און גענומען אַרומטאַנצן פון צווייג צו צווייג, אָנזאָגנדיק יעדן די פריילעכע בשורה, אַז די היץ איז פאַרביי.

2

עס איז געווען נאָך האַלבן טאָג. די קינדער זיינען נאָר וואָס אַרויס פון דער שול און זיך, ווי ווייסע טויבן, צעשאָטן מיט פרייד איבער די גאַסן.

דאָס קליינע, דינע רעגנדל האָט געשפּריצט לאַנגזאַם און פויל. און יעדעס שפּריצעלע האָט אויסגעזען אויפן ברוק, ווי דינינקע שטעך פון אַ ניימאַשין.

— גיכער! — האָבן זיי געשריגן.

— עס וועט באַלד אַראָפּ אַ גאָס־רעגן.

— קום, פריידעלע.

די קינדער האָבן געאיילט שנעל אַהיים און מיט שרעק און פרייד אויפגענומען די בליצן און דונערס, וואָס האָבן זיך אַלץ מער דערנענטערט.

פריידעלע איז אויך געלאָפן מיט אַלע קינדערלעך אַהיים און געוואָלט אָנקומען וואָס פריער. אָבער זי האָט אויפן וועג געטראָפן איר חברטע רבקהלע, וועלכע איז אומגעלאָפן אַ באָרוועסע, מיט צעפּלאָשעטע האָר, און געשפּרונגען פון פרייד.

— וואָס לויפסטו אַזוי, נאַרעלע, — האָט איר רבקהלע געפרעגט — האָסט מורא פאַרן רעגן ? אַז מען גייט אויפן רעגן, וואַקסט מען.

— פונוואַנען ווייסטו ?

— כ׳ווייס, אַלץ וואַקסט אויפן רעגן :ביימער, גראָז, בלומען, ווייץ, האָבער, גערשטן און מענטשן... מענטשן וואַקסן אויך אויפן רעגן.

— טאַקע ?

— יאָ, מיין פעטער האָט מיר געזאָגט, אַז די ריזן־מענטשן, וואָס זיינען אַמאָל געווען, זיינען אויך אויסגעוואַקסן אַזוי גרויס צוליב דעם, וואָס זיי זיינען געגאַנגען שטענדיק אויפן רעגן.

3.

אַ בליץ האָט דורכגעשניטן די לופט, און אַ שטאַרקער דונער האָט אַ טראַסקע געטאָן ערגעץ נאָענט. פריידעלע האָט זיך דערשראָקן און אַ כאַפּ געטאָן רבקהלען פאַר דער האַנט.

— אוי, כ׳האָב מורא !...

רבקהלע האָט זיך אויך אַ צאַפּל געטאָן פאַר שרעק און זיך אַ רוק געטאָן צו דער וואַנט, אָבער זי איז באַלד געקומען צו זיך און אָנגעהויבן לאַכן.

— מע שיט קאַרטאָפל פון הימל !... קום פריידעלע, לאָמיר לויפן אויפן רעגן, וועלן מיר ווערן גרויס.

פריידעלע איז שוין געווען גרייט נאָכצולויפן רבקהלען, איז אָנגעלאָפן איר מאַמע און זי אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַ הענטל.

— קינד מיינס, דו וועסט זיך נאָך פאַרקילן.

— איך וויל וואַקסן, מאַמע, — האָט פריידעלע געזאָגט.

ביינאַכט חלומט זיך פריידעלען, אַז זי גייט אויפֿן רעגן און ווערט גרויס און גרעסער, און אָט איז זי שוין אַזוי הויך ווי די מאַמע, ווי דער טאַטע, ווי די לערערקע. אין אַ ווײַלע אַרום איז זי שוין גרעסער פֿון זיי, און וואַקסט, און ווערט וואָס אַמאָל העכער און העכער, איבער קוימענס און דעכער, און נאָך איין מינוט גרייכט זי מיט דער האַנט צו דער זון און צו די שטערן...

פריידעלע וויל דערגרייכן די לבנה, אָבער זי קען נישט און בעט זיך ביים רעגן, אַז ער זאָל גיסן שטאַרקער. אַז זי זאָל ווערן כאָטש אַ פּיצעלע גרעסער. אָבער דער רעגן פֿאָלגט איר נישט און ווערט אַלעמאָל קלענער און קלענער, ביז ער הערט אינגאַנצן אויף.

ווען פריידעלע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט זי דערציילט דער מאַמען דעם חלום און געפֿרעגט:

— עס איז אמת, מאַמע, אַז ווען מע גייט אויפֿן רעגן, וואַקסט מען?

די מאַמע האָט געשמייכלט און געזאָגט:

— קינדער וואַקסן אין שול.

164. גוטמאָרגן.

אַ וועלט אַ ליכטיקע,
אַ וועלט אַ ציכטיקע,
און הימלען בלויע שמייכלען פֿונדערווייטן.
און מיר איז גוט אַזוי,
און מיר איז וויל אַזוי,
איך וואָלט מיט קיינעם נישט, מיט קיינעם זיך נישט בייטן;

גוטמאָרגן, ייִנגעלעך,
מיט לאָקן־רינגעלעך,
מט זיסע זילבער־קעלעכלעך, ווי גלעקלעך.
גוטמאָרגן, מיידעלעך,
אין ווייסע קליידעלעך,
מיט פרישע, ווייכע, רויט־צעפלאַמטע בעקלעך.
פון הענט אַ קראַנץ געשפּרייט,
די פיס צום טאַנצן גרייט,
און זינגט און שפּרינגט, אַז קלינגען זאָל פון ווייטן!
און זינגען וועט מיט אייך,
און קלינגען וועט מיט אייך,
דער וואַלד, דאָס פעלד און אַלץ פון אַלע זייטן.

165. אַ שלאָגלער.

ווי נאָר מאָטעלע איז געקומען אַהיים פון שול, האָט אים די מאַמע מיט פרייד דערציילט:

— ווייסט, מיין קינד, דער טאַטע איז געוואָרן אַ שלאָגלער. ער וועט היינט באַקומען פאַר זיין גוטער אַרבעט אַ פּרעמיע — אַ ראַדיאָ.

מאָטעלע האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן ביז דער טאַטע וועט קומען און איז אַוועק צו דער ראַדיאָ־פאַבריק, וו זיין טאַטע אַרבעט.

מאָטעלע האָט נישט לאַנג געוואַרט, ביז עס האָט זיך דערהערט דער פייף פון דער סירענע. באַלד האָט זיך באַוויזן די ערשטע גרופּע אַרבעטער, דערנאָך אַ צווייטע, אַ דריטע. פון פאַבריק־טויער האָבן געשטראָמט הונדערטער אַרבעטער.

די פאַבריק איז זייער אַ גרויסע און אַרבעט אויס

זייער אַ סך גוטע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן. אויך אין סקוּלמען־קלוב איז דאָ אַ ראַדיאָ פון דער פאַבריק. מאַטעלע פלעגט קומען אויף די פאַרזאַמלונגען פון רינג און הערן שיינע לידער פון וואַרשע, פון מאָסקווע.

מאַטעלע שטייט און וואַרט. אים דאַכט זיך, אַז ער וואַרט שוין דאָ זייער לאַנג. ער וואָלט שוין געוואָלט זען דעם טאַטן.

— וואָס טוסטו דאָ? — מאַטל האָט דערזען אַרויסגיין צוזאַמען מיט זיין טאַטן עטלעכע אַרבעטער, זיינע חברים.

— איך בין געקומען... די מאַמע האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביסט אַ שלאָגלער. מע האָט דיך אויסגעצייכנט. פאַרוואָס?

איינער פון די אַרבעטער האָט געענטפערט:

— דיין טאַטע איז אַ גוטער אַרבעטער. זיין בריגאַדע האָט היינטיקן חודש אויסגעאַרבעט צוויי מאָל אַזויפיל אַפּאַראַטן ווי אַנדערע.

מאַטעלע זאָגט:

— איך וויל אויך זיין אַ שלאָגלער.

מאַטעלעס טאַטע האָט געשמייכלט צופרידן פון זיין זונס ענטפער.

— אַזוי? נו, און וויאַזוי לערנסטו זיך? — רופט זיך אָפּ איין אַרבעטער.

— איך האָב בלויז פינפן און פירן. בלויז פון רעכענען אַ דריי.

אויב אַזוי, קאָנסטו טאַקע גיך ווערן אַ שלאָגלער ביי דיר אין קלאַס. זע, זאָלסט פון רעכענען אויך קריגן אַ פינף.

מאַטעלע האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך לערנען נאָך בעסער.

166. אַ רעגנדל.



קינדערלעך, אוי, קינדערלעך,
אַ רעגנדל גאָר וווּנדערלעך,
שמעקעדיקע טראָפּעלעך!
אַ רעגנדל איז גאָטס גענאָד,
קומט אַרויס און טאַנצט אין ראָד
מיט בלויזע פּיס און קעפּעלעך!

גאָרנישט קלערן, גאָרנישט פרעגן,
קינדער וואַקסן אויפן רעגן,
ווי די בלומען, ווי די זאַנגען.
נאַקעטע קעפּלעך, נאַקעטע פּיס,
וואַקסט פון יעדן קינד אַ ריז —
ביזן הימל צו דערלאַנגען.

167. איך גיי אַריבער אין העכערן קלאַס.

היינט האָט מיר דער לערער געזאָגט, אַז איך גיי אַריבער אין העכערן קלאַס. שרהלע, פריידעלע מאָטל — גייען אויך אַריבער. אַלע קינדער גייען אַריבער. נאָר צוויי קינדער בלייבן איבער אויף נאָך אַ יאָר — חנהלע און הערשל.

אַלע קינדער האָבן געוווּסט, אַז חנה און הערשל וועלן נישט אַריבער אין עלטערן קלאַס. חנה איז אַ לאַנגע צייט געווען קראַנק, האָט זי דאָך נישט געקאָנט וויסן, וואָס מיר לערנען. און הערשל איז אָנגעקומען אין שול זייער שפּעט, האָט ער זיך נישט אויסגעלערנט. ער קען זייער ווייניק אי שרייבן, אי לייענען.

איך האָב געוווּסט, אַז איך וועל אַריבער. איך האָב זיך אַ גאַנץ יאָר געלערנט און נישט דורכגעלאָזט קיין לעקציעס.

איך וואָלט געוואָלט, עס זאָלן שוין גיכער אַריבער די פּעריען און איך זאָל שוין זיין אין עלטערן קלאַס. ווער וועט מיט אונדז לערנען? דער זעלבער לערער, וואָס איז איצט אין שול? ער איז זייער אַ גוטער לערער!

בערעלע לערנט שוין לאַנג אין העכערן קלאַס. אַרעלע און יאָסעלע דערציילן זיך אָן אַזוינע שיינע מעשיות פון דעם, וואָס מען לערנט דאָרטן. אַוודאי איז בעסער צו גיין אין אַ העכערן קלאַס.

א י נ ה א ל ט :*)

1. ווידער אין שול

1. קינדער קומט אין שול אַריין . . . . . ד. האָפשטיין 4
2. אינדערפרי 4
3. אַלע גייען אין שול 5
4. אויפן שולהויף 6
5. קינדערלעך . . . . נחום יוד . . . . . 6—7
6. אַ נייע חברטע . . . . 7—8
7. דער אָנהייב שוליאָר . . . . 8—9

2. שפּעטזומער

8. סעפּטעמבער . . . . י. מאַלטינסקי . . . 12
9. קירבעסל און קאַוונדל . . . . אי. קיפּניס . . . 12—14
10. אין גאָרטן . . . . 14—15
11. גרינוואַרג . . . . לויט י. טוּווים . . . 15—16
12. ביים זיידן אין סאָד . . . . 16—17
13. אין די סעדער . . . . לייב קוויטקאָ . . . . 17—18

---

*) טעקסטן, ביי וועלכע ס׳זיינען נישט אָנגעגעבן געוואָרן די אויטאָרן, זיינען אָנגעשריבן געוואָרן, באַארבעט דורך די צונויפשטעלער פון דעם דאָזיקן בוך, אָדער איבערגעדרוקט פון זאמלונגען, אין וועלכע ס׳זיינען נישט אָנגעגעבן די מחברים.

14. מע פרעגלט פּאַווידלע 19
15. געזעגנט זיך .... לויט כּאַוווער פּאַוועך 19 —20
16. האַרבסט .... נחום יוד 20

3. לערנען און שפּיל

17. אַלעף־בייס .... א. שטיינבאַרג 22
18. וויאַזוי שרייבט מען ריין? .... 22 —23
19. שעפּטעלע .... י. שטיינבערג .... 23 —24
20. דיזשורן .... 24 —26
21. מיר באַצירן דעם קלאַס. .... 26 —28
22. אונדזערע טעג .... נחום יוד 28
23. צווישן דעם שרייבגעציַיג ..... לויט יהודה שטיינבערג 29 —30
24. עסטע די פּעסטע .... ב. גוטיאַנסקי 31
25. דאַס ביכעלע .... לויט א. מאַשקאַוויטש 31 —32
26. אַ קעסטעלע מיט פאַרבן .... ל. בערקאַוויטש ... 32 —33
27. ווער איז שולדיק? .... 33 —35
28. מיכל און זיין ביכל 35
29. די ציַיטן פון יאָר 36
30. באַשעלע די מאַלערין .... מ. גראַנטשטיין ... 36 —37
31. שמילקע מיט דער פּילקע .... ז. וויינפער 37
32. סאַניטאַרן .... 38 —39
33. מזלדיקער האָז .... י. גויכבערג .... 40 —41
34. אויף דער הפסקה 41
35. אויף דער הוידע .... מ. שיפּריס 42
36. קאַץ און מויז .... ש. וואַסערמאַן ... 42 —43
37. דריַי יינגלעך, וואָס האָבן נישט געקאָנט לייענען .... ליטמאַן .... 43 —46
38. יידיש .... מאַני לייב ... 46
39. אַ בריוו .... 46 —48
40. אַן איינגעבעטענער גאַסט .... 49 —50

41. די קאַפּעליע . . . . ו. אַנין . . . . . 51 —52

42. צווײ פּוילע . . . . 52 —53

43. לעמעך גײט אין שול אַרײן . . . . . ל. עלבע . . . . 53 —54

44. לעמעך אויף דער לעקציע . . . . . „ . . . . 54 —55

4. ס'איז דער האַרבסט געקומען

45. אָקטאָבער . . . . א. אויערבאַך 58

46. מיר גרייטן זיך צום ווינטער . . . . 58 —60

47. גרעזעלעך . . . . ז. ווײנפּער 61

48. פיר מאָל . . . . 61 —62

49. האַרבסט . . . . ז. רייזען 63

50. פּעטיאַ . . . . (פון רוסיש) . . . . 63 —64

51. דער שענסטער נאָמען . . . . . . ל. קוויטקאָ 65

52. דער אָקטאָבער־יום־טוב אין שול 66

53. אַ מעשה פון אַ גאַנץ יאָר . . . . . . ב. פרידמאַן . . . . 66 —67

5. שטוב און גאַס

54. די מאַמע . . . . חנה לעווין . . . . 70 —71

55. אַז די מאַמע איז נישט געזונט 72

56. אַלצדינג קאָן איך . . . . ל. ק. האָפּמאַן 73

57. וועקט די מאַמע מיך פון בעט . . . . ש. וואַסערמאַן . . . 74 —75

58. קינדער־ווינדער . . . . ל. עלבע . . . . . 75 —76

59. דער טאַנץ אין קיך . . . . 77 —79

60. דער עפּל . . . . 79 —80

61. דעם זיידנס טאַבאַק־פּושקע . . . . ל. ק. האָפּמאַן . . . . 80 —82

62. מיין ליובי . . . . י. ל. פּרץ . . . . . 82 —83

63. אַ קאָאָפּעראַטיוו־הויז 84

64. ווייל אַ באָבע איז אַזוי . . . . . . ש. וואַסערמאַן . . . 84 —85

65. דער זייגער . . . . ל. ק. האָפּמאַן 86

66.	אוי, ווי גוט!		86—87
67.	איזיקל מזיק	י. גויכבערג	87—88
68.	דער עמער און דער קראַן	ס. מאַרשאַק	88
69.	ווען די ליאַלקעס רעדן	ליטמאַן	89—90
70.	פייערלעשער		90—91
71.	אין קאָאָפּעראַטיוו		91—93
72.	פאַר איך מיר אין קינאָ		93
73.	די באַן	א. שפּריצער	94
74.	שטייט אַ ייִנגעלע אין גאַס	ליטמאַן	95—96
75.	אונזער קראַם		96—97

6. א ווייסע וועלט

76.	ווינטער	מאַני לייב	100
77.	אַ מעשה פון אַ ייִנגעלע און שניימענטש	י. קאַמינסקי	101—103
78.	אַ ווינטער־מעשה	ל. קוויטקאָ	103—104
79.	אין וואַלד	כאַווער פּאַווער	104—106
80.	שניי	נחום יוד	106—107
81.	יאַסלס שליטעלע	לויט אַלעקסאַנדראָוואַ	107—108
82.	אויפן גליטש	ל. קוויטקאָ	108—109
83.	אַ גוטער פריינד		109—110
84.	רויטאַרמייער		110
85.	פון לעבינס קינדעריאָרן		111
86.	חבר סטאַלין, איך לערן זיך גוט	(פון רוסיש)	111—113
87.	אַ גרויסער יום־טוב		113—114
88.	שרהלע דערמאָנט זיך		114—116
89.	פריינדשאַפט		116—117
90.	וויאַזוי מע האָט העזעלען פאַרריכט זיין פעלעכל		118—119
91.	אין קינדער־קלוב	י. שטיינבערג	119—121
92.	בלענדעניש		121—122
93.	ברידער פיר		122—123

94. דער יום-טוב פון די מאַמעס 124
95. סוף ווינטער . . . . ז. ווײַנפּער . . . 125

7. אלע ארבעטן

96. אַרבעטער . . . . ש. צעסלער . . . 128
97. אין דער פֿאַבריק . . . . 130—129
98. ליד פון קוילנגרעבער . . . . .א. אינדעלמאַן . . 131—130
99. לייבל זוכט אַ שוסטער . . . . 133—131
100. יונגע בויער . . . . . . ש. וואַסערמאַן . . 133
101. דריי באַלמעלאָכעס . . . . . . י. קאַצענעלסאָן . . 136—134
102. בייגלבעקער . . . . ש. וואַסערמאַן . . 137—136
103. אין קוזניע . . . . 138—137
104. בוי איך מיר אַ שיפעלע . . . . . . ה. ד. נאָמבערג . . 138
105. ווינטי . . . . ל. קוויטקאָ . . . 139
106. דאָס פאַסטעכל . . . . א. אינדעלמאַן . . . 140—139
107. די מיל . . . . ש. צעסלער . . . 140
108. אַלע בויען וואַרשע 141
109. טראַסע וו—זעט . . . . נ. ראַפּ 142

8. די ליבע באשעפענישן

110. דאָס קעצעלע 144
111. קעצל און פלעצל . . . . לעאָן עלבע . . . 147—145
112. מיין הינטעלע . . . . י. שטיינבערג . . . 149—148
113. דעם שכנס הונט . . . . 150—149
114. אַ שמחה . . . . נחום יוד . . . . 151—150
115. אונדזער פייגעלע . . . . 154—152
116. דאָס פייגעלע . . . . ל. ק. האַפמאַן . . . 155—154
117. גייט אַ ייִנגעלע אַרויס אין פעלד . . . ביאַלאָסטאָצקי . . 159—155
118. די וועווערקע . . . . לויט א. י. ראַנטש . . 159

119. אונדזער פערד . . . . 161—160
120. דער באָבע דאָבעס ציגעלע . . . . 162—161

9. ווידער פרילינג

121. דער פרילינג קומט . . . . . . נחום יוד 164
122. צוויטשי, צוויטשי . . . . . . י. ל. פרץ 165
123. באַלעסלאַוו ביערוט . . . . 168—167
124. אַ גוטע בשורה . . . . 169—168
125. די זון אין פרילינג . . . . 171—170
126. וו ווינט די זון? . . . . . . ל. ק. האָפּמאַן . . . 171
127. וויאַזוי די קינדער האָבן געזוכט דעם
פרילינג . . . . 173—172
128. דער שיפער . . . . י. ל. פרץ 173
129. ביים דענקמאָל 174
130. ביי די גרעזעלעך . . . . . . א. שפּריצער . . . 176—175
131. פרילינג אין שטאָט . . . . . . נחום יוד 177
132. ווער האָט געזען דעם ווינט? . . . ק. ראָסעטי 178 178
133. אין שול־גערטעלע . . . . 179—178
134. מיין גערטל . . . . י. פיכמאַן . . . 180—179
135. אונדזער גאָרטן . . . . 182—181
136. ערשטער מאַי 183
137. אַן איינפאַל . . . . לויט אַלעקסאַנדראָווא . 184
138. ערשטער מאַי . . . . ל. מילער 185

10. צווישן קינדער

139. צוויי חברטעס . . . . . . לויט א. גראַניטשטיין . 192—188
140. כ׳קען עס נישט פאַרשטיין . . . . . יהואש 193
141. דער ראַדיאָ . . . . לויט ליטמאַן . . . 195—194
142. הערשעלע . . . . מענדעלע מוכר ספרים 197—195

143. קריינדעלע און שיינדעלע . . . . . לויט פ. קאַטאָווסקי . 197—198
144. אַרעלעס געבורטסטאָג . . . . . . ליטמאַן . . . . . 198—201
145. קינדער אין ראַטנפאַרבאַנד . . . . . (פון רוסיש) . . . . 201—203
146. אַ קריגעלע וואַסער . . . . . . לויט ל. טאָלסטאָי . 203—205
147. מלחמה . . . . א. רייזען 205
148. אַ ליבער גאַסט אין שול . . . . 206—208
149. לילי און דזשאַסי . . . . י. לאַזאַרסאָן . . . . 208—210
150. אַז איך וועל אויסוואַקסן . . . . . . ל. קוויטקאָ . . . . 210—211
151. שמוליק דער מאָלער . . . . 211—212

11. פעלדער גרינען, וועלדער רוישן

152. בלומען . . . . מ. בראָדערזאָן 214
153. וואָס האָט הערשל געזען אין וואַלד? . . . . 215—216
154. אונדזער זומער . . . . א. שפּריצער . . . . 217—218
155. דער פאַרשפּאַרטער ווינט . . . . 218—219
156. ניין בעלעמער . . . . 219—220
157. עפּלביימעלע . . . . ג. עפּשטיין 221
158. די פריינד פון די לאַנדווירטשאַפטלער . . . . 221—222
159. אַ ליוובעטענע שטאָט . . . . 222—223
160. מיר העלפן . . . . 223—224
161. דאָס ליד פון ברויט . . . . מאָני ליב 225
162. אונדזער פאַרשטעלונג . . . . 226—227
163. רעגן . . . . ליטמאַן . . . . . 227—230
164. גוטמאָרגן . . . . י. גויכבערג . . . . 230—231
165. אַ שלאָגלער . . . . 231—232
166. אַ רעגנדל . . . . י. ל. פּרץ 233
167. איך גייט אַריבער אין העכערן קלאַס 234

Książka zatwierdzona do użytku szkolnego pismem Ministerstwa Oświaty nr VI Oc-1276/49 z 3. XI. 1949, jako czytanka dla klasy II w szkołach z żydowskim językiem nauczania.

W SZKOLE
i
W DOMU

CZYTANKA DLA KLASY II
SZKOŁY OGÓLNOKSZTAŁCĄCEJ
Z JĘZYKIEM NAUCZANIA ŻYDOWSKIM

WARSZAWA 1950
PAŃSTWOWE ZAKŁADY WYDAWNICTW SZKOLNYCH